STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11311

GRAMATIK UN ORTOGRAFYE

Isaac Zaretzki

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָפ. א. זארעצקי

גראמאטיק
און אָרטאָגראפיע

טייל II

פארן דריטן און פערטן קלאס.

דריטע אויסגעבעסערטע אופלאגע.

באשטעטיקט דורכן פאָלקאָמבילד פון אוסס"ר.

מעלוכע-פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטן אין אוסס"ר
קיעוו 1935 כארקאָוו

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער — ל. מישקאָווסקי. טעכנישער רעדאַקטער און קאָרעקטער — אי. בורגאנסקי. פאפיר 110×82 — 1/32 — 54 קג. 8,5 דרוקבויגנ. אינ 1 פאפיר־בויגנ 90 000 צייכנס. פארלאג E־61 №. טיראזש 8500 עקז. 11־טע דרוקעריי בערדיטשעוו. באשטעלונג נומ 2122. הויפטליט 1967. אָפּגעגעבנ אינ זאצ 26/V—1935, אונטערגעשריבנ צומ דרוק 26/VI — 1935.

פרייז פונעמ ביכל 45 קאָפּ. איינבונד 30 קאָפּ.

ד ר י ט ע ר ק ל א ס

1. פארבינדונג פונ ווערטער אינ זאצ

אופגאבע 1. לייענט איבער די ליד. לייגט אכט אפ די אָפּשטעל־צייכנס.

צומ נייִעמ לערניאָר

עס איז שוינ דער גלייִקער
אווגוסט אוועק.
איבערגעבליבנ נאָכ
עטלעכע טעג.

נעמט, כעוורע, גיכער
די ביכער ארויס,
די העפטנ, די פענעס, —
דער זומער איז אויס.

געשפילט זיכ, געלאָפנ,
געארבעט, גערוט.
לאָמיר איצט לערנענ זיכ,
לערנענ זיכ גוט.

פונ וויפל שורעס (פערזנ) באשטייט דער ערשטער זאצ? וועגנ וואָס רעדט זיכ אינ דעמ זאצ? וויִאזוי ווערט באשריבנ אווגוסט? פארוואָס הייסט ער גלייִקער?

לייענט איבער דעמ צווייטנ זאצ. וועגנ וויפל טעג רעדט זיכ דאָ?

לייענט איבער דעמ לעצטנ זאצ. שטעלט אליינ אופ פראגעס וועגנ דעמ זאצ אונ ענטפערט אפ זיי.

אופגאבע 2.

פּיִאָנערנ

שניט־צייַט. מע נעמט אראָפּ דאָס היי פונ דער לאָנקע. פונ גאנצפרי אָנ האָט זיכ געריסנ א רעגנ. די קאָלווירטניקעס האָבנ זיכ געייַלט אראָפּצופירנ דאָס היי, דער רעגנ זאָל עס ניט פאטערנ.

ניט ווייַט איז א פּיִאָנערישער לאגער.

— מיר וועלנ גייג אינ וואלד נאָכ יאגעדעס? — פרעגט מוישל.

— ניינ, מיר דארפנ הייַנט גיינ העלפנ דעמ קאָלווירט, — ענטפערט דער עלטסטער.

— כעוורע, מירן גיין העלפן דעם קאָלווירט?
— יאָ, יאָ! — האָבן אלע באשטימט.
מיט פריילעכע לידער האָבן זיי זיך אראָפּגעלאָזט צו דער לאָנקע.
— מיר זײַנען געקומען אײַך העלפן, כאַווײרים! — זאָגט דער פּיאָנער־עלטסטער צו די קאָלווירטניקעס.
— כעוורע, צו דער ארבעט!
די יאַטן האָבן זיך א לאָז געטאָן. זיי האָבן זיך געאײַלט צו ענדיקן די ארבעט, ביז דער רעגן וועט אָנהייבן גיין.

אין וועלכע זאצן פון דער דערציילונג פרעגט מען? אין וועלכע רופט מען אויס (שרײַט מען אויס)? אין וועלכע דערציילט מען? וויפל מאָל שטייט א פרעגצייכן (?)? וויפל מאָל שטייט אן אויסרופצייכן (!)?

אופגאבע 3. וועלכע פלאקאטן הענגען אין קלאס אף דער וואנט? וואָס פאר א צייכנס שטייען אין סאָף פון יעדן פלאקאט?

אופגאבע 4.

אלע לערנען, אלע לייענען
נײַע ביכלעך און פארשטייען:
ס'איז די וועלט ניט אזא קליינע,
ווי די קינדער פלעגן מיינען.

דאָרטן, דאָרט ארום דעם שטעטל,
זײַנען שטעטלעך נאָך פאראנען,
שטעטלעך, שטעט און דערפער גרויסע,
טײַכן, יאמען, ווײַטע באנען.

און אפילע בערג אזוינע,
וואָס דערלאנגען ביזן הימל.
אלע לערנען, אלע לייענען
און זיי ווייסן און פארשטייען. (פעפער)

ענטפערט אף די פראגעס: וואָס איז פאראן אויסער דעם שטעטל? פונוואנען ווייסן עס די קינדער? וועלכע זאכן ווערן דערמאָנט אין דער ליד?

אופגאבע 5.

אלע לייענען.
אלע לייענען ביכלעך.
אלע לייענען ביכלעך נײַע.

וויפל זאצן איז דאָ אָנגעשריבן? וועלכער איז דער קלענסטער? וואָס ווייסן מיר פון ערשטן זאץ? וואָס ווייסן מיר פון צווייטן זאץ אזוינס, וואָס פון ערשטן ווייסן מיר עס ניט? וואָס ווייסן מיר פון דריטן זאץ אזוינס, וואָס פון צווייטן ווייסן מיר עס ניט?

אופגאבע 6. קלײַבט פאנאנדער די זאצן, ווי מיר האָבן געטאָן אין דער אופגאבע 5.

דער קאָלעקטיוו האָט געארבעט.

ר קאָלעקטיוו האָט געארבעט אין פעלד.

דער קאָלעקטיוו האָט גוט געארבעט אין פעלד.

די פערד האָבן געשלעפט.

די פערד האָבן געשלעפט די שנײַדמאשין.

די דרײַ פערד האָבן געשלעפט די שנײַדמאשין.

האָט זיך דערטראָגן א טומל.

פונעם וועג האָט זיך דערטראָגן א טומל.

פונעם שטויביקן וועג האָט זיך דערטראָגן א טומל.

אופגאבע 7.

פיאָנערן גייען.

פארגרעסערט דעם זאץ דורך פראגעס: וועלכע פיאָנערן? וווהין גייען זיי? וויאַזוי גייען זיי? שרײַבט אָן דעם פארגרעסערטן זאץ.

אופגאבע 8. שרײַבט איבער:

ס'האָט הײַנט **א ווינט** אפ גאסן **זיך פארקליבן.**

ס'האָט א ווינט זיך פארקליבן.

ווען? — הײַנט. ווו? — אפ גאסן.

אופגאבע 9. שרײַבט איבער די ווײַטערדיקע זאצן אזוי: פריער נאָר די אויסגעטײלטע ווערטער, דערנאָך שטעלט פראגעס און ענטפערט מיט די ווערטער, וואָס זײַנען נאָך געבליבן.

פון טונקל הויז **בין איך ארויס.**

ס'האָט דער ווינט מיך שטיל **ארומגענומען.**

אפ פעלדער **בליט** איצט **קאָרן.**

עס וועלן קלינגען מיר ביז נאכט די **ווערטער** פונעם ווינט.

אופגאבע 10. שטעלט צו די נייטיקע ווערטער:

צו דער צײַט אין שול

קים איז ארויסגעגאנגען פון	שול
ער האָט זיך געײַלט אין	שטוב
אפן וועג האָט ער געטראָפן	צום טײַך
דער כאווער האָט אים גערופן . . .	צו דער צײַט
קים האָט ניט געוואָלט	גיין
ער איז געקומען אין שול	א כאווער

אף וועלכע פראגעס ענטפערן די צוגעשטעלטע ווערטער?

אופגאבע 11.

פּיאָנערן גייען.

א פּיאָנער גייט.

פארגרעסערט די צוויי זאצן דורך דער פראגע וועלכע? וועלכער? צו קאָן מען אזוי זאָגן: מונטערער פּיאָנערן גייען? א מונטערע פּיאָנער גייט?

אופגאבע 12.

טײַך מײַן ליבער, גרויסער דניעפּער,	דער טײַך איז ליב.
ברעגן דולע און פארשײַטע!	דער דניעפּער איז גרויס.
פעלדזן שווערע, פעלדזן אלטע,	דער ברעג איז דול און פארשײַט.
שטראָמען אומרויקע, ווײַטע.	די פעלדזן זײַנען שווער, אלט.
שוועלן אלטע, שטיינער גרויע	די שטראָמען זײַנען אומרויק, ווײַט.
ליגן הויך און פארצאמען	די שוועלן זײַנען אלט, די שטיינער
דײַנע שטראָמען דײַנע דולע,	גרוי, זיי פארצאמען דעם דולן
זייער וועג צו ברייטע יאמען.	שטראָם, זײַן וועג צום ברייטן יאם.

פארגלײַכט די אויסגעטיילטע ווערטער רעכטס און לינקס.

> ווען א וואָרט איז אין זאץ, קומט אויס אָפטמאָל דאָס וואָרט צו ענדערן.

אופגאבע 13.

ברודער שוועסטער אויסגעמאָלט בילד.	דער ברודער און די שוועסטער האָבן אויסגעמאָלט א בילד.
	דער ברודער האָט דער שוועסטער אויסגעמאָלט א בילד.
	דער ברודער האָט די שוועסטער אויסגעמאָלט אף א בילד.

צי זײַנען די ווערטער פון רעכטס א זאץ? וויאזוי זײַנען פון לינקס דערפון געמאכט זאצן? וועלכע נאָך זאצן קאָן מען מאכן פון די ווערטער, וואָס זײַנען אָנגעשריבן רעכטס?

2. זאַכן, טוונג, סימענ

אופגאַבע 14.

מורזע

אינ א קאַלטנ הארבסטיקנ טאָג איז בלױמע געגאַנגענ פונ שול אַהײמ.

„מיאַו, מיאַו", — האָט זי דערהערט ערגעץ לעבנ זיך. זי בײגט זיך אײַנ אונ זעט: א דאַר קעצל טוליעט זיך צומ פּאַרקאַנ אונ שרײַט.

בלױמע האָט אופגעהױבנ דאָס קעצל אינ אײַנגעװיקלט עס אינ איר מאַנטל. דאָס קעצל האָט זיך דערװאַרעמט אונ אַנשלאָפנ געװאָרנ. געקומענ אַהײמ, האָט בלױמע אַװעקגעלײגט די ביכער אַפנ טיש אונ האָט אַרױסגע־שלעפּט פונ בוזעמ דאָס קעצל. דאָס קעצל האָט זיך געשראָקנ אונ װילד געקוקט אַפ אַלעמענ.

„ס'אַרא פאַרמורזעטע, צעפּודלטע", — זאָגט די מאַמע.

„נו, װעל איך זי טאַקע אָנרופנ מורזע" — באַשליסט בלױמע אונ בעט די מאַמע, זי זאָל איר דערלױבנ לאָזנ דאָס קעצל בא זיך.

די מאַמע האָט דערלױבט.

אונ בלױמע האָט גענומענ האָדעװענ דאָס קעצל.

זי האָט דעמ קעצל אָפּגעגעבנ איר ליאַלקעס בעטל מיט א קישעלע אונ א קאָלדרע, אונ אײנגיכנ האָט זיך מורזע צוגעװױנט צומ בעטל אונ פלעגט אַפ דעמ שלאָפנ געשמאַק.

מורזע האָט זיך צוגעבונדנ צו בלױמענ אונ פלעגט איר נאָכגײנ װי א הינטל.

בלױמע פלעגט זיך אָפט שפּילנ מיטנ קעצל.

װעלכע מענטשנ װערנ דערמאָנט אינ דער דערצײלונג? װעלכע באַלע־בײַימ װערנ דאָ דערמאָנט? װעלכע ניט-לעבעדיקע זאַכנ װערנ דאָ דער־מאָנט? שרײַבט אַרױס פונ דער דערצײלונג די װערטער, װאָס ענטפערנ אַפ **װער?** (אײנ װאָרט צװײ מאָל דאַרפ מענ ניט שרײַבנ).

טיש, ביכער, קעצל, שול — דאָס אַלצ איז זאַכנ.

אופגאַבע 15. שרײַבט אַרױס פונ די דאָזיקע װערטער נאָר נעמענ פונ זאַכנ:

קאַלטנ, פּאַרקאַנ, מאַנטל, זיך דערװאַרעמט, געקומענ, ביכער, טיש, צעפּודל־טע, ליאַלקע, בעטל, קישעלע, קאָלדרע, זיך שפּילנ, בעסטע.

אופגאַבע 16. שרײַבט איבער און דערשרײַבט די ענטפערס:

בלומע האָט אופגעהויבן (וועמען?)

בלומע האָט אײַנגעוויקלט (וועמען? אין וואָס?)

בלומע איז געקומען (וווהין?)

בלומע האָט אוועקגעלייגט (וואָס?)

בלומע האָט ארויסגעשלעפט (וועמען?)

בלומע האָט געבעטן (וועמען? וואָס?)

בלומע האָט אָפגעגעבן (וועמען? וואָס?)

זיך אײַנבייגן, אופהייבן, אײַנוויקלען, קומען, אוועקלייגן, ארויסשלעפן, אָפגעבן — דאָס, אלץ איז **טוונגען.**

אופגאַבע 17.

א קינד שפּילט זיך. א שילער לערנט. א שנײַדער נייט. א קאָלווירטניק אקערט. א קאָלווירטניק זייט. אן ארבעטער ארבעט.

ווו זײַנען דאָ טוונגען? רופט זיי אָן (זיך שפּילן, לערנען...).

אופגאַבע 18. געפינט אין דער דערציילונג „מורזע", וואָס האָט געטאָן דאָס קעצל.

אופגאַבע 19. שרײַבט איבער און דערשרײַבט די ענטפערס:

אין א קאַלטן הארבסטיקן טאָג (איז וואָס געווען?)

א דאַר קעצל טוליעט זיך (צו וואָס?)

אופגאַבע 20. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די ווערטער, וואָס ענטפערן אף די פראַגעס:

אין וואָס פאַר א טאָג? — א קאַלטן, א הארבסטיקן.

וואָס פאַר א קעצל? — א דאַר קעצל.

קאַלט, הארבסטיק, דאַר — דאָס אלץ איז **סימאָנים.**

אופגאַבע 21. געפינט נאָך סימאָנים אין דער דערציילונג „מורזע".

אופגאַבע 22. טראַכט צו 5 נעמען פון זאַכן און צו צוויי סימאָנים פאַר יעדער זאַך.

אופגאַבע 23. דאָ איז אָנגעשריבן 3 מאָל צו 5 ווערטער. ווו זײַנען דאָ זאַכן? טוונגען? סימאָנים? פון יעדערע 5 איז איינס אזא, וואָס דאַרף דאָ ניט שטיין. געפינט דאָס דאָזיקע וואָרט.

לאָפּעטע, האַק, עמער, נאָדל, שרײַען.
גרינער, געלער, הונט, הויכער, ווײַסער.
לויפן, רויטער, לאַכן, אוועקוואַרפן, געפינען.

אופגאַבע 24. געפינט 5 ווערטער, וואָס באַטײַטן זאַכן, 5 וואָס באַטײַטן טוונגען, 5 וואָס באַטײַטן סימאָנים.

אופגאַבע 25. שרײַבער איבער:
פאַראַן ווערטער, וואָס באַטײַטן **זאַכן.**
פאַראַן ווערטער, וואָס באַטײַטן **טוונגען.**
פאַראַן ווערטער וואָס באַטײַטן **סימאָנים.**

3. סוביעקט, פּרעדיקאַט און דערקלער־ווערטער

אופגאַבע 26.

קינדער לייענען.
וועגן וועמען ווערט דערציילט אין זאַץ? וואָס ווערט וועגן זיי דערציילט?

קינדער — **סוביעקט.**
לייענען — **פּרעדיקאַט.**

דער ברודער האָט געשריבן.
וועגן וועמען ווערט דאָ דערציילט? דער ברודער — **סוביעקט.**
וואָס ווערט וועגן אים דערציילט? האָט געשריבן — **פּרעדיקאַט.**

דער עלטערער ברודער לייענט אַ ביכל.
סוביעקט — דער ברודער. וועלכער ברודער? — דער עלטערער.
דער עלטערער — **דערקלער־וואָרט.**
פּרעדיקאַט — לייענט. וואָס לייענט ער? — אַ ביכל.
אַ ביכל — **דערקלער־וואָרט.**

אַ ווינט האָט הײַנט אַפּ גאַסן זיך פאַרקליבן.
סוביעקט — אַ ווינט, **פּרעדיקאַט** — האָט זיך פאַרקליבן, **דערקלער־ווערטער** — הײַנט, אַפּ גאַסן.

אופגאַבע 27.

לייבל לייענט אַ ביכל. לייבל לייזט אַן אופגאַבע.
וועלכער טייל איז דער זעלביקער איןביידע זאַצן?
לייבל לייענט אַ ביכל. סימע לייענט אַ ביכל.
וועלכער טייל איז דער זעלביקער אין ביידע זאַצן?

אופגאַבע 28. שרייַבט איבער און שטרייַכט אונטער די סוביעקטן מיט צוויי שטריכן און די פּרעדיקאַטן מיט איין שטריך:

דער באַן גייט גיך. די זון שייַנט. דער ברודער רופט מיך. דער טעלעפאָן קלינגט. אפן טיש ליגט דאָס ביכל.

דאָרטן גייט א באַן. אין גאַס וואַרט אף מיר דער ברודער. א ביכל ליגט אפן טיש. הייַנט גייט א רעגן.

אופגאַבע 29. שטעלט אוף זאַצן מיט די סוביעקטן: א פּויער. די פּויערים. די אַרבעטער. דער עראָפּלאַן.

אופגאַבע 30. שטעלט אוף זאַצן מיט די פּרעדיקאַטן: שרייַט. הערט זיך אייַן. טונקט אייַן.

וועלכער ?

אופגאַבע 31. געקומען איז דער רעגנדיקער האַרבסט.

דאָ איז אונטערגעשטראָכן מיט איין שטריך דער סוביעקט, מיט צוויי שטריכן דער פּרעדיקאַט, און איבער דעם דערקלער־וואָרט איז אויבן אָנגעשריבן די פראַגע, אף וועלכער עס ענטפערט. טוט דאָס זעלבע מיט די ווייַטערדיקע זאַצן.

געקומען איז דער רעגנדיקער האַרבסט. אָפט גייען רעגנס. די פעלדער שטייען פּוסט. דער וואַלד קוקט אף אַלעמען מיט אומעט.

אופגאַבע 32. שרייַבט איבער די זאַצן, צוגעבנדיק ענטפערס אף די פראַגעס:

די קינדער זייַנען געגאַנגען . . (וווּהין ?). זיי האָבן גענומען . . . (וואָס ?). די קינדער זייַנען געשווומען . . . (וועלכע ? ווו ?). די קינדער האָבן אַרייַנגעלאָזט . . . (וואָס ? וווּהין ?). מייערקע האָט געכאַפּט . . . (וואָס ? וויפל ?).

אופגאַבע 33.

אין א צימער האָבן געוווינט צוויי כאַווערים.



דאָס איז א **סכעמע** פון א זאַץ.

מאַכט אַזעלכע סכעמעס פון די זאַצן:

אַלע קינדער לייענען ביכלעך.

די קאָלווירטניקעס פירן היי.

די פּיאָנערנ גייענ אינ קאָלווירט.
די פּיאָנערנ העלפנ די קאָלווירטניקעס.
די אַלגעמיינע פארזאמלונג הייבט זיכ אָנ.
א וואָרט באקומט דער לערער.

4. סובסטאנטיוו

אופגאבע 34.

מע בויט

אינדערלופּטנ הענגט א מאליער
מיט א לאנגער בארשט אינ האנט.
זיצט דער מאליער אינדערלופטנ,
הוידעט זיכ אונ פארבט די וואנט.
קומענ צוואנציק גלעזערס פלינקע,
שנײַדנ גרויסע בויגנס גלאָז.
טויזנט טאפּליעס צוגעשניטנ,
טויזנט שויבנ צו דער מאָס.
בלישטשענ טאפּליעס אינ די פענצטער,
בלישטשענ שויבנ אפ דער זונ,
שפּיגלענ זיכ פונ זונ די שטראלנ,
טאנצנ הערזעלעכ ארום.

וועלכע מענטשנ ווערנ דערמאָנט אינ דער ליד? וועלכע זאכנ ווערנ דאָ דערמאָנט?

> א נאָמענ פונ א מענטשנ, פונ א באלכײַ, פונ א זאכ הייסט **סובסטאנטיוו.**

אופגאבע 35. שרײַבט ארויס די סובסטאנטיוונ פונ דער ליד „מע בויט".

אופגאבע 36. שרײַבט אָנ סובסטאנטיוונ — זאכנ, וואָס איר זעט ארום זיכ; בא יעדנ סובסטאנטיוו שרײַבט **א** אָדער **אנ**.

אופגאבע 37. שרײַבט ארויס פונעם דאָזיקנ צעטל ווערטער נאָר די סובסטאנטיוונ:

גלאָז, גלעזער, מאָליער, זיצט, הענט, זון, לעוואָנע, פאַרב, פאַרבער, געפאַרבט, פלינק, שנײַדן, גרויסע, טאַפּליע, טאַפּליעס, פענצטער, שפּיגל שפּיגלען זיך, טאַנצן, העזעלעך.

אופגאַבע 38. ליבל לייענט אַ ביכל.

ווו זײַנען דאָ סובסטאַנטיוון? וועלכער פון זיי איז דער סוביעקט?

דאָס ביכל ליגט אויפן טיש.

ווו זײַנען דאָ סובסטאַנטיוון? וועלכער איז דער סוביעקט? שטעלט אויף 3 זאַצן מיט סובסטאַנטיוון—דערקלער־ווערטער.

ניט יעדער סובסטאַנטיוו איז אין זאַץ דער סוביעקט.

אופגאַבע 39. דערשרײַבט:

דער, וואָס אַרבעט בײַ בלעך, הייסט אַ בלעכער.

דער, וואָס באַאַרבעט אַ גאָרטן, הייסט . . . . .

דער, וואָס גייט אין שול, הייסט . . . .

דער, וואָס לערנט די שילער, הייסט . . . .

דער, וואָס טומלט, הייסט . . . .

אופגאַבע 40. דערשרײַבט:

אַ וואָלף, אַ לייב, אַ העלפאַנד זײַנען . . .

אַ טויב, אַ שוואַלב, אַ שפּערל, אַ קראָ זײַנען . . .

אַ דעמב, אַ סאָסנע, אַ בערעזע זײַנען . . .

אַ טאָפּ, אַ גלאָז, אַ טעלער, אַ קריגל זײַנען . . .

אַ שטול, אַ בעט, אַ שאַפע, אַן עטאַזשערקע זײַנען . . .

אַ טראַקטער, אַ זייעלקע, אַ ווייעלקע, אַ שנײַדמאַשין זײַנען . . .

אַ פילקע, אַ ליאַלקע, אַ פײַפל זײַנען . . .

אַ זעג, אַ הובל, אַ האַמער, אַ שערל זײַנען . . .

(פויגלען, געפעס, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, אינסטרומענטן, כּלים, שפּילצײַג, מעבל, ביימער).

5. איינצאָל און מערצאָל

אופגאַבע 41. געפינט אין העפט די אויסגעפילטע אופגאַבע 37 וועלכע סובסטאַנטיוון באַטײַטן איין זאַך אָדער איין מענטש, און וועלכע באַטײַטן מער ווי איינס?

שפּיגל — איינער — איינצאָל.
שפּיגלען — מער ווי איינער — מערצאָל.

> אז א סובסטאַנטיוו באַטײַט איין זאַך, איז עס **איינצאָל**.
> אז א סובסטאַנטיוו באַטײַט מער ווי איין זאַך, איז עס **מערצאָל**.

אויפגאַבע 42.

אינדערלויפטן העגנט א מאָליער מיט א לאַנגער באַרשט אין האַנט.	אינדערלויפטן הענגען מאָליערס מיט לאַנגע בערשט אין די הענט.

ווו זײַנען רעכטס סובסטאַנטיוון אין איינצאָל? ווו זײַנען לינקס סובסטאַנטיוון אין מערצאָל?

אויפגאַבע 43.

שרײַבט איבער די ליד און שטרײַכט אונטער די סובסטאַנטיוון איינצאָלן מיט איין שטריך, און די מערצאָלן מיט צוויי שטריכן.

אונטער לענינס פאָן

מיר זײַנען אַלע דאָ,
מיר זײַנען קאָמונאַרן,
און הייס איז אונדזער בלוט,
און פעסט איז אונדזער לאַנד.

אין דערפער און אין שטעט,
אויף פעלדער, טראַקטאָרן —
מיר זײַנען אומעטום
מיט לענינס פאָן אין האַנט.

(פעפער)

אויפגאַבע 44. די אונטערשריפטן אונטער די בילדער זײַנען צעפּלאָנטערט. וואָס דאַרף מען פאַרמעקן אָדער צושרײַבן אין דער ערשטער אונטערשריפט? אין דער צווייטער?



טיש



טישן

וויפל טראפּנ איז אינ וואָרט טיש? אינ וואָרט טישנ? וועלכער וואָ־קאל איז אינ ערשטנ טראפּ? וואָס פאַר א נ איז אינ צווייטנ טראפּ? רופט אָנ 5 מערצאָלנ מיט טראפּיקנ נ.

אופגאבע 45. דערשרײַבט די מערצאָלנ: אויג, ברעט, האַק, ראָד, באַנק, האַנט, פּאָנעמ, טאָג, וואָלפ, וואָרעמ, האָנ, הונ, ברודער, פוס, שוכ, נוס, גרוב, בלומ, צאָנ, כאַווער, שאָכנ, כאַזער, קיילע, דאָקטער, יאָנטעוו, לימעד.

אופגאבע 46. שרײַבט איבער, פאַרבײַטנדיק די איינצאָלנ אפּ מער־צאָלנ:

דער קאָלווירט האָט אויסגעפּילט זײַנ פּלאַנ. די מאַשינ איז ניט געשטאַנענ ליידיק. דער קאָלווירטניק האָט געאַרבעט שלאָגלעריש. דער בריגאַדיר האָט געוויזנ א מוסטער וויאַזוי צו אַרבעטנ.

אופגאבע 47. שרײַבט איבער, שטרײַכט אונטער די אויסגעטיילטע ווערטער.

רויטע ארמיי

שטאָלענע רייענ, **כאַווירימ**, שמידט אויס!
די רעוואָלוציע — זי רופט אונדז פאָרויס.
פונ הייסנ **דאָרעמ** ביז צאַפּנ אינ שניי —
שטאַרקער פונ אַלע די רויטע אַרמיי.

כאַוויירימ — מערצאָל.
דאָרעמ — ניט קיינ מערצאָל.

> אינ מערצאָל איז אינ סאָפ וואָרט **ימ**. אינ אַנדערע פאַלנ איז אינ סאָפ וואָרט **עמ**.

אופגאבע 48. שרײַבט איבער אונ שטרײַכט אונטער די ווערטער מיט **עמ**.

אַז עס בלאָזט פונ **דאָרעמ**, וועט ווערנ **וואַרעמ**. ביסט געוועזנ אפנ **בוידעמ** אונ האָסט זיכ אויסגעשמירט דאָס **פּאָנעמ**. רײַכ אונ **אָרעמ** קאָנענ ניט לעבנ אינ **שאָלעמ**.

אופגאבע 49. שרײַבט איבער די ווערטער מיט **ימ** רעכטס, אונ מיט **עמ** לינקס.

בוידעמ, שכיינימ, לימודימ, כאַזיירימ, קיילימ, וואָרעמ, יאָנטויווימ, שטורעמ, פּאָנעמ, שאָלעמ, באַלעבאַטימ, דאָקטוירימ, כאַדאָשימ, ליאַרעמ, סאָנימ.

6. אַרטיקל

אויפֿגאַבע 50.

אַ מעשׂה

אַ פּויער איז געגאַנגען פֿאַרנאַכט פֿונעם פֿעלד אַהיים. מיט אים איז געגאַנגען זײַנער **אַ** פֿרײַנט. זיי זײַנען געגאַנגען דורך **אַ** וועלדל. פּלוצעם איז אָנגעקומען **אַ** בער. **דער** פּויער האָט זיך ניט אַרומגעקוקט, און **דער** בער איז שוין אויף אים אָנגעפֿאַלן. ער האָט אים געדרייט אין אַלע זײַטן, געקנאָטן און געריסן.

— אַך, טײַערער סטעפּאַן, האָב רחמנות, — האָט געקרעכצט **דער** פּויער.

דער פֿרײַנט האָט זיך אַ נעם געטאָן, דערלאַנגט אַזאַ האַק, אַז **דער** בער איז אומגעפֿאַלן. מיט דער ווילע האָט ער אים צעשטאָכן דעם בויך. **דער** בער איז געבליבן טויט. **דער** פּויער איז אויפֿגעשטאַנען און נעמט נאָך שרײַען אויף סטעפּאַנען.

— וואָס האָב איך אומזיסט געטאָן? — פֿאַרשטייט ניט **דער** פֿרײַנט.

— סטײַטש! — שרײַט **דער** פּויער — וואָס האָסטו צעשטאָכן **דעם** בער? דו האָסט דאָך געפֿאַטערט די גאַנצע פֿעל!

אַ פּויער איז געגאַנגען פֿאַרנאַכט פֿונעם פֿעלד אַהיים.	דער פּויער האָט זיך נאָך ניט אַרומגעקוקט. האָט געקרעכצט דער פּויער. דער פּויער איז אויפֿגעשטאַנען.

אַ פּויער — מע ווייסט נאָך ניט, וועלכער.
דער פּויער — מע ווייסט שוין, וועלכער.

> אַ זאַך, וואָס מע ווייסט נאָך ניט, הייסט אַן **אומבאַשטימטע**.
> אַ זאַך, וואָס מע ווייסט שוין, הייסט אַ **באַשטימטע**.
> אַ פּויער איז געגאַנגען — **אומבאַשטימט**, וועלכער פּויער.
> דער פּויער האָט זיך נאָך ניט אַרומגעקוקט — **באַשטימט**, וועלכער.

אַ, אַן — **אומבאַשטימיקער אַרטיקל.**
דער, די, דאָס — **באַשטימיקער אַרטיקל.**

שרײַבט אַרויס פֿון דער דערציילונג אַלע זאַצן, וווּ עס ווערט דערציילט וועגן בער. שטרײַכט אונטער **אַ בער** מיט איין שטריך, און **דער בער, דעם בער** מיט צוויי.

אויפֿגאַבע 51. שרײַבט איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און שטרײַכט אונטער די אומבאַשטימטע מענטשן, כּלים און זאַכן מיט איין שטריך, און די באַשטימטע מענטשן, כּלים און זאַכן מיט צוויי שטריכן.

א בער איז אָנגעפאַלן אפּן פּויער.
דער בער איז געבליבן טויט.
א באַלעגוף האָט אונטערגעצונדן דעם שײַער.
דעם באַלעגוף האָט מען פאַרמישפּעט.
איך האָב געליייענט א ביכל.
דאָס ביכל איז אינטערעסאַנט.
אפּן וועג צו דער שול איז פאַראַן א קלוב.
דער קלוב איז א שיינער.
אין קאָמונאַלן מויער איז פאַראַן א קיך.
די קיך איז אַן אַלגעמיינע.

אופגאַבע 52. אַן עקסקורסיע

אונדזער צווייטער קלאַס איז געגאַנגען אפּ אַן עקסקורסיע אין שטאָט־גאָרטן. אין גאָרטן איז געשטאַנען אַן עפּלבוים. אונטערן עפּלבוים האָט אַרום געטאַנצט א שפּערל. אפּ א צווײַגל איז געשטאַנען א בלויערל. א ייִנגל פון אונדזער קלאַס, זיאַמע, האָט געוואָלט כאַפּן דאָס שפּערל, נאָר די לערערן האָט אים ניט געלאָזט. מיר האָבן אין גאָרטן געזען נאָך פייגעלעך. די לערערן האָט אונדז דערקלערט וועגן יעדן פייגעלע באַזונדער. די עקסקורסיע האָט געדויערט צוויי שאָ.

מערקט אָן באַשטימטע און אומבאַשטימטע זאַכן.

באַשטימיקע אַרטיקלען זײַנען: **דער, די, דעם, דאָס.**
אומבאַשטימיקע אַרטיקלען זײַנען: **א, אַן.**

אופגאַבע 53.

שרײַבט אַרויס די אויסגעטיילטע סובסטאַנטיוון אַזוי: רעכטס — די, וואָס הייבן זיך אָן מיט א קאָנסאָנאַנט, לינקס — די, וואָס הייבן זיך אָן מיט א וואָקאַל.

מיר זײַנען נעגאַנגאַן אפּ **אַן עקסקורסיע.**
מיר האָבן געזען **א גאָרטן.**
אין גאָרטן איז געשטאַנען **אַן עפּלבוים.**
אונטערן עפּלבוים האָט אַרומגעטאַנצט **א שפּערל.**

פאַר א קאָנסאָנאַנט שרײַבט מען **א.** פאַר א וואָקאַל שרײַבט מען **אַן.**

אופגאַבע 54.

שרײַבט ארויס די ווערטער מיט **א, אַן.** שטרײַכט אונטער **א, אַן.**

אין אונדזער ווארשטאט איז דאָ א האמער אַן אַנטיק.
מיט א האק האָט דער וועכטער ארומגעהאקט די טרוקענע צווײַגן.
אַן ארבעטער האלט א פײַל אין דער האנט.
מאשע האָט געמאכט אַן אָרדענונג אין שאפע.
אין קלאס האָט מען געבראכט אַן עמער וואסער.
בײַם אַן איבערײַס עפענען מיר א פענצטער.
דעם זיבעטן נאָיאבער מאכן מיר אַן אָוונט.
לאָמיר צוגיין צו א נאָענטן סעדל און אָפּרוען אַף א באנק.
איך בין געבליבן שטיין אַף אַן אָרט.
אַן אלטער איז געשטאנען אַף א ראָג.
איך האָב געקויפט א העפט.

אופגאַבע 55.

פארבײַט די אומבאשטימיקע ארטיקלען אַף באשטימיקע.

אַן עפּל ליגט אַפן טיש. **א נעפּל** פארשפרייט זיך אין לופט.
וואָס איז דער כילעק אין דעם, ווי די ווערטער זײַנען אָנגעשריבן?
פארוואָס איז אין ערשטן זאַץ דער **ן** באַם **א**, און אין צווייטן ניט באַם **א**?

אופגאַבע 56. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די ערשטע אָס אין יעדן סובסטאנטיוו: **א** האָבערל, **א** העפט, **א** האק, **א** היטל, **א** האַ־מער, **א** הונ, **א** האָן, **א** הויכער, **א** היצ.

פאר א **ה** שרײַבט מען **א**, ניט **אַן.**

אופגאַבע 57. טראכט צו עטלעכע סובסטאנטיוון מיט **א** און עטלעכע מיט **אַן.**

אופגאַבע 58. שרײַבט איבער די זאצן כוצ די אויסגעטײלטע ווער־טער. ווו מע דארף, מאכט איבער **א** אַף **אַן** אָדער **אַן** אַף **א.**

דאָ ליגט אַן **אלטע** צײַטונג. דער לימעד רופט ארויס א **גרויסן** אינטע־רעס. מײַן ברודער איז א **גוטער** ארבעטער. זײַן מאמע איז אַן **אלטע** אר־בעטערן. אין טעאטער האָט זיך פארזאמלט א **היפּשער** עולעם.

אופגאַבע 59. שטעלט אוף זאצן מיט די דאָזיקע ווערטער און פאר יעדערן פון די ווערטער זאָל שטיין אַן אומבאשטימיקער ארטיקל: ניי־

מאַשין, אַנקעטע, נומער, אָנהייב, האַלבער, הויף, נייטיקער, עלטסטער, נאָענטער.

אויפגאַבע 60. שרײַבט איבער די דערציילונג און לאָזט, ווו מע דאַרף, דעם אומבאַשטימיקן אַרטיקל אָדער דעם באַשטימיקן (דער, די, דעם, דאָס).

א קאַץ און א שפּערל

אויף (א / דעם) צווײַגל האָט זיך געדרייט (א / דאָס) שפּערל. (א / דאָס) צווײַגל האָט זיך געוויגט. (א / דאָס) שפּערל האָט געזוכט עסן פאַר די קינדערלעך. אונטערן בוים איז געשטאַנען (א / די) קאַץ. (א / די) קאַץ האָט געקוקט אַרויף צום שפּערל. ניט ווײַט איז געלאָפן (א / דער) הונט. (א / דער) הונט האָט דערזען (א / די) קאַץ און האָט אָנגעהויבן האַווקען. (א / די) קאַץ האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן מיאַוקען. דערווײַל האָט זי פאַרגעסן אין (א / דעם) שפּערל.

אויפגאַבע 61.

א פויער איז געגאַנגען דורך א וועלדל. דער פויער האָט דערזען א בער. דער בער איז אָנגעפאַלן אויף דעם פויער.

שרײַבט אָן דאָס אייגענע וועגן פויערים און בערן. באַמערקט, וואָס איז געוואָרן מיטן אַרטיקל.

דער באַשטימיקער אַרטיקל באַ מערצאָל איז די.
קיין אומבאַשטימיקער אַרטיקל באַ מערצאָל איז ניטאָ.

7. ערשטער, צווייטער און דריטער מין

אויפגאַבע 62.

א טאַטע	דער טאַטע
א מאַמע	די מאַמע
א קינד	דאָס קינד

אין איינצאָל קאָן זײַן דער באַשטימיקער אַרטיקל?

דער, די, דאָס.

אויב בא א סובסטאַנטיוו איז דער אַרטיקל **דער**, איז עס א סובסטאַנטיוו **ערשטער מין.**

אויב בא א סובסטאַנטיוו איז דער אַרטיקל **די**, איז עס א סובסטאַנטיוו **צווייטער מין.**

אויב בא א סובסטאַנטיוו איז דער אַרטיקל **דאָס**, איז עס א סובסטאַנטיוו **דריטער מין.**

צום געדענקען: ערשטער מין — דער,
צווייטער מין — די,
דריטער מין — דאָס,

דערשרײַבט:

דער טאַטע — די מאַמע, דער זיידע — . . . דער זון — די . . . דער ברודער — די . . . דער לערער — די . . . דער שילער — די . . . דער כאַווער — די . . . דער אָקס — די . . . דער קאָטער — די . . . דער האָן — די . . .

אופגאַבע 63.

שרײַבט אַרויס די אויסגעטיילטע סובסטאַנטיוון מיט אומבאַשטימיקע אַרטיקלען רעכטס, און די זעלביקע סובסטאַנטיוון מיט באַשטימיקע אַרטיקלען — לינקס.

אין לערערצימער איז פאַראַן **א טיש, אַן עטאַזשערקע, א בענקל. דאָס בענקל** שטייט לעבן טיש. **דער טיש** שטייט באַם פענצטער. **די עטאַזשערקע** שטייט בא דער וואַנט.

וועלכער מין איז **טיש? עטאַזשערקע? בענקל?**

אופגאַבע 64. שרײַבט איבער און דערשרײַבט פּאַסיקע ווערטער:

דער טיש, דער... דער... דער...
די עטאַזשערקע, די... די... די...
דאָס בענקל, דאָס... דאָס... דאָס...

אופגאַבע 65.

רעטעניש

שטעקט אין דער וואַנט,
דרייט מיטן קאָפּ,
גיט וואַסער צום טרינקען, צום וואַשן.

דערשרײַבט די פּאַרפּעלטע באַשטימיקע אַרטיקלען:
אָט איז... וואַנט, אָט שטעקט... קראַן, אָט רינט... וואַסער.

אויפגאַבע 66. דערשרײַבט:

דער הונט — דאָס הינטל — דאָס הינטעלע
די קאַץ — —
די מויז — —
די הון — דאָס הינדל —
די שטאָט — —
די גאַס — —

8. אייגננאָמען

אויפגאַבע 67.

אַף אונדזער גאַס וווינען צוויי בלעכערס. איין בלעכער הייסט יאָסל דער בלעכער. דער צווייטער הייסט מוישע דער בלעכער.

סובסטאַנטיוון: גאַס, בלעכערס, בלעכער, יאָסל, מוישע.

יאָסל, מוישע זײַנען אייגענע נעמען פון מענטשן. דאָס זײַנען אייגננעמען.

סובסטאַנטיוון אייגענע נעמען פון מענטשן זײַנען **אייגננעמען.**

אויפגאַבע 68. ענטפערט אַף די פראַגעס:

1. ווי הייסטו (נאָמען און פאַמיליע)?
2. ווי הייסט דײַן טאַטע? דײַן מאַמע?
3. וויפל ברידער און שוועסטער האָסטו? ווי הייסן זיי?
4. אין וועלכע שטעט, שטעטלעך, דערפער ביסטו געווען?

שטרײַכט אונטער אין די ענטפערס די אייגננעמען פון מענטשן, שטעט, שטעטלעך, דערפער.

אויפגאַבע 69. שרײַבט אַרויס פונדאַנען די אייגננעמען פון מענטשן, באַלעכאַיִם, שטעט, און טײַכן: טאַטע, מומע. טיש. שטאָט. מאָסקווע־טײַך. דניעפּער. אוקראַיִנע. ווײַסרוסלאַנד. קיִעוו. לאַנד. אָדעס. בעקער. בעקערײַ. קאַרל. קאַץ. הונט. סירקע. אַנדריי. ראָזע.

מענטשן, שטעט, לענדער, טײַכן האָבן אייגננעמען.

9. פראָנאָם

אופגאַבע 70.

אינ צימער שטייט א טיש. **ער** איז א שווארצער.
אפנ וואנט הענגט א זייגער. **ער** גייט ריכטיק.
יאָסל איז א בלעכער. **ער** קענ גוט די ארבעט.
אינ פענצטער פעלט א שויב. זי האָט געפּלאצט.
די שוועסטער האָט מיר אויסגעמאָלט א בילד. זי קענ גוט מאָלנ.
די ביכער ליגנ אינ שאפע. זי איז פארשלאָסנ.
אפנ וואנט הענגט א בילד. **עס** געפעלט מיר.
דאָס קינד שרייט. **עס** האָט זיכ א קלאַפּ געטאָנ.
די קינדער זיצנ אינ קלאס. זיי שרייבנ.
מיר האָבנ אליינ אָנגעשריבנ פלאקאטנ. זיי הענגענ אפ די ווענט.

> וועגנ יעדנ סובסטאנטיוו קאָנ מענ זאָגנ **ער**, אָדער
> זי, אָדער **עס**, אָדער זיי.

אופגאַבע 71. שרייבט איבער אונ שרייבט אָנ נאָכ די ווערטער ער, אימ, זי, זיי — וועמענ מיינט מענ דערמיט:

שנייער איז א זייגערמאכער. איכ ווייס ניט, צי **ער** איז פונ די בעסטע, נאָר **ער** נעמט ניט טייער אונ מאכט גיכ. מיינ ברודער עליע האָט בא **אימ** שוינ וויפל מאָל צורעכט געמאכט דעמ זייגער. קימאט א וואָכ איבער א וואָכ פאריכט **ער** **אימ** דעמ זייגער. א מאָדנער זייגער בא מיינ ברודער עליע: אָדער **ער** לויפט מעשוגענערווייז, אָדער **ער** גייט אייַנגעהאלטנ אפ א שאָ פיר, אָדער **ער** שטעלט זיכ גאָר אוועק אונ טו **אימ** עפּעס. שנייער דער זייגער־מאכער האָט א לאנגע נאָז. נעזעדיק זייַנענ זיי אלע, די גאנצע מישפּאָכע זייערע. זיי האָבנ א מומע קריינע, האָט זי א טאָכטער מאלקע, האָט זי א נאָז, וואָס מע דארפ גיינ קוקנ אפ כידושימ.

מ ו ס ט ע ר: שנייער איז א זייגערמאכער. איכ ווייס ניט, צי ער (שנייער) איז פונ די בעסטע...

אופגאַבע 72.

איטע זאָגט צו מוישענ:

— איכ גיי אינ געוועט, אז דו האָסט די פאַבריקע שאָ געשריבנ א שריפט־לעכע ארבעט.

— איך? אַן אַרבעט אַ שריפטלעכע? ווי קומט עס? — האָט זיך מוישע געוווּנדערט.

— איך האָב אַ סימען, די הענט זײַנען באַ דיר אינגאַנצן פאַרשמירט אין טינט. מוישע האָט זיך צעלאַכט:

— דו האָסט אַ טאָעס. דאָס האָב איך מיט דרײַ טעג צוריק אויסגעגאָסן טינט.

ווו שטייט דאָ דאָס וואָרט **איך**? וועמען מיינט מען עס?

איך קאָן זײַן אי איטע, אי מוישע, אי ווער עס איז.

ווו שטייט דאָ דאָס וואָרט **דו**? וועמען מיינט מען עס?

דו קאָן זײַן אי מוישע, אי איטע, אי ווער עס איז.

אויפגאַבע 73.

איינער איז **איך**. און אַסאַך?

איינער איז **דו**. און אַסאַך?

איינער איז **ער**. און אַסאַך?

איינער איז **זי**. און אַסאַך?

איינער איז **עס**. און אַסאַך?

איך, דו, ער, זי, עס, מיר, איר, זיי — זײַנען

פּראָנאָמען.

אויפגאַבע 74.

באַ אונדז אין הויז וווינט איינער **אַ דאָקטער**. **דער דאָקטער** איז שוין אַן אַלטער. **ער** אַרבעט אין אַ קליניק. אין דער קליניק איז פאַראַן נאָך צוויי **דאָקטוירים**. זיי היילן פאַרשיידענע קראַנקײַטן.

איינגיכן וועט זײַן **אַ יאָנטעוו**. דאָס איז **דער יאָנטעוו** פון אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. **ער** וועט זײַן דעם זיבעטן נאָיאַבער. **יאָנטוירים** געפעלן מיר. זיי פאַרשאַפן מיר פאַרגעניגן.

געפינט אַ סובסטאַנטיוו איינצאָל און מערצאָל. געפינט באַם סובסטאַנטיוו אַן אומבאַשטימיקן און אַ באַשטימיקן אַרטיקל. געפינט די ווערטער **ער**, **זיי**. וועמען מיינען זיי?

אויפגאַבע 75.

שרײַבט אַרויס די סובסטאַנטיוון, וואָס באַטײַטן נאַטור־דערשײַנונגען.

אַ געוויטער אין וואַלד

עס האָט געטאָן אַ **בליץ**, פּונקט ווי דער הימל וואָלט זיך צעשפּאָלטן און אָפּגעטונקט די וואָלקן מיט פײַער. באַלד האָט אַ הילך געטאָן אַ **דונער**

מיט אזא ראש, ווי פון טויזנטער הארמאטן. עס האָט זיך אופגעהויבן א **שטורעמווינט**. עס האָט געפּײַפט, געוויינט, געוויעט, ווי א מאכנע הונגע־ריקע וועלף. מיטאמאָל האָט א גאַס געטאָן א **שלאקסרעגן**.

אופגאבע 76.

שרײַבט ארויס אלע ווערטער, וואָס מע קאָן אָנשטאָט זיי זאָגן: **ער, זי, עס, זיי** (דאָס וועלן אלצ זײַן סובסטאנטיוון).

יאָר, כוידעש, טאָג, שאָ, לאנג, מילכאָמע, רעוואָליוציע, האָרעפּאשניק, קעמפן, פארשארפט, אינדוסטריאליזאציע, דעמאָנסטראציעס, פאָנען, גייען, מארשירן, יאָנטעוודיקע, יאָנטעוו, סייכל, פלינקייט, קלוגשאפט, קלוג, גוט, פרילינג, זומער, הארבסט, ווינטער, פריער, שפּעטער.

אופגאבע 77. דערקלערט, פארוואָס שטייט דאָ אמאָל **ער**, אמאָל זי, אמאָל **עס**, אמאָל זיי.

דער ברודער איז געקומען פון דער ארבעט. **ער** זעצט זיך עסן. די שוועסטער זוכט די צײַטונג. זי וויל זי לייענען. דאָס קינד וויינט. **עס** האָט געכאפּט א קלאָפּ. די קינדער גייען אהיים. זיי האָבן שוין אָפּגעלערנט. א רע־וואָליוציאָנער איז דרייסט. **ער** האָט קיין מוירע ניט פאר פײַנט. די רעוואָ־ליוציע האָט געזיגט. זי האָט אונדז באפרײַט פון די אונטערדריקער. עס גייען דעמאָנסטראנטן מיט רויטע פאָנען. זיי פלאטערן איבער די קעפּ.

ערשטער מין — דער — ער
צווייטער מין — די — זי
דריטער מין — דאָס — עס
מערצאָל — די — זיי

אופגאבע 78. שטעלט אוף א דערציילונג אף איינער פון די טעמעס:

ווי איך בין געגאנגען אף א דעמאָנסטראציע.
ווי איך האָב געהאָלפן דעם טאטן.
אין דער דערציילונג שטרײַכט אונטער די סובסטאנטיוון און זעט, צי קאָן מען אָנשטאָט זיי זאָגן: ער, זי, עס, זיי (אָדער אים, איר).

10. פּרעפּאָזיציע



אופגאבע 79.

דאָ שטייט דער טיש און די עטאזשערקע. דאָרטן שטייט די שאפע. אפ דעם טיש שטייען טעלער. איבער דעם טיש הענגט א לאָמפּ. אפ דער עטאַזשערקע ליגן ביכער. וואָס וואלגערט זיך דאָס דאָרטן אונטער דער עטאַזשערקע? די קאַץ איז ארונטערגעקראָכן אונטער דער שאפע. אָט איז זי שוין פארקראָכן הינטער דער שאפע.

וואָס איז דער אונטערשייד:
אפ דעם טיש און **איבער** דעם טיש?
אונטער דער שאפע און **הינטער** דער שאפע?

די ווערטער: **אפ, איבער, אונטער, הינטער** הייסן **פּרעפּאָזיציעס.**

אופגאבע 80.

— נעמט יעדערער א העפט אין האנט, — האָט געזאָגט דער לערער.
מיר האָבן גענומען.
— פארמאכט די אויגן.
מיר האָבן פארמאכט.
— איצט טוט, וואָס איך וועל הייסן:
— דעם העפט אפ דער פּארטע!

— דעם העפט איבער דער פארטע!
— דעם העפט אונטער דער פארטע!
— דעם העפט אין דער פארטע!

געפינט דאָ די פּרעפּאָזיציעס.

אופגאבע 81.

זאָגט וועגן יעדן פויגל, ווו געפינט ער זיך אָדער ווו פליט ער.



אופגאבע 82. שטעלט אופ זאצן מיט די פּרעפּאָזיציעס: אין, אפ, איבער, אונטער, הינטער.

אופגאבע 83.

דאָ שטייט **דער** טיש, אפ **דעם** טיש שטייען טעלער.

דאָ שטייט **די** עטאַזשערקע. אפ **דער** עטאַזשערקע ליגן ביכער.

דאָ שטייט **דאָס** בענקל. אפ **דעם** בענקל זיצט א קינד.

באמערקט די באשטימיקע ארטיקלען.

נאָך א פּרעפּאָזיציע קומט: אין ערשטן מין **דעם**, אין צווייטן מין **דער**, אין דריטן מין **דעם**.

אופגאבע 84. שרייבט איבער די אויסגעטיילטע ווערטער. שרייבט צו אויבן, צו וואָס פאר א מין געהערן זיי.

דער אָנהייב פון **דער ארבעט** האָט אויסגעוויזן שווער.
אף **דער גאס** איז **דער אוילעם** אלץ געוואקסן.
דער טומל האָט געדויערט ביז **דער עפענונג** פון **דער פאר־זאמלונג**.

אופגאבע 85. די ווייטערדיקע זאצן זיינען געדרוקט ניט ריכטיק. געפינט די גרייזן און שרייבט איבער די זאצן ריכטיק.

פאראיאָרן בין איך ארויסגעפאָרן פון די שטאָט, ווו איך האָב פריער געוווינט.
דער ארבעטער וועט זיין מאכט פארשפרייטן אף די גאנצע ערד.
די ארבעט איז א גרינגע. איך האָב זיך פון די ארבעט גאָר ניט פאר־מאטערט.

אופגאבע 86.
שרייבט איבער, שטרייכט אונטער די פּרעפּאָזיציעס.

רעטעניש

גייט אָן פיס,
שלאָגט אָן הענט,
שטייט אפן טיש,
הענגט אף די ווענט.

אופגאבע 87. שרייבט אוף 8 זאצן מיט די ווערטער: אפן, איבערן, אונטערן, הינטערן.

אופגאבע 88. שרייבט איבער און שטרייכט אונטער די סובסטאנ־טיוון סוביעקטן מיט איין שטריך, דערקלער־ווערטער אָן פּרעפּאָזיציעס מיט צוויי שטריכן, דערקלער־ווערטער מיט פּרעפּאָזיציעס מיט דריי שטריכן.

אָט שטייט א טיש. איך זע דעם טיש. אפן טיש ליגט א טישטעך. מיר וועלן באלד עסן וואַרמעס. עס איז צוגעלאָפן די קאץ. ליזע האָט אָפּגעטריבן די קאץ. די קאץ האָט זיך באהאלטן אונטער דער שאפע. די שאפע שטייט דאָרטן. די מאמע האָט געעפנט די שאפע. זי האָט ארויסגענומען טעלער. די מאמע האָט געשטעלט די טעלער אפן טיש.



אופגאבע 89. באשרײַבט דאָס בילד אונ באנוצט די פרעפּאָזיציעס:
אונטער, פאר, איבער, פארבײַ, אינ, אנטקעגנ, לעבנ, פונ, צו, צווישנ.

אופגאבע 90. שרײַבט איבער אונ שטרײַכט אונטער די אויסגע־
טיילטע ווערטער.

אונטער דער שאפע אונ **אפ** דער שאפע.
הינטער דער שאפע אונ **פאר** דער שאפע.

אופגאבע 91. שטעלט אופ זאצנ מיט **אונ** אונ מיט **אינ** (אונ
איז ניט קיינ פרעפּאָזיציע).

אופגאבע 92. שרײַבט איבער די ליד אונ שרײַבט צו, ווו ס'איז פאר־
פעלט, די פרעפּאָזיציעס.

פארבער שטייענ דאכ
טוענ ארבעט גאָר א סאכ,
פארבנ זייער שיינ די ווענט
בערשטלעכ די הענט

ווער עס גייט פארבײַ, זאָל היטנ
זײַנע קליידער אונ זײַנ היטל:
פארב בערשטל רינט אראָפּ
גלײַכ דעם גייער קאָפּ.

אופגאבע 93. שרײַבט איבער אונ שטרײַכט אונטער די פרעפּאָזיציעס.
גיטעלע האָט לאנג געטרוימט וועגנ א נײַעם ווארעמענ מאנטל. איצט איז
שוינ בא איר דאָ א גוטער מאנטל פונ פײַנער צײַג אונ מיט שיינע קנעפּ.

ווען זי איז געקומען אין שול, האָבן זיך אַלע כאַווערטעס צעשטעלט אַרום געטעלען און באַקוקט איר נײַעם מאַנטל.

נאָך די לימודים גייט געטעלע אַהיים. זעט זי — אַ קנעפּל האַלט זיך אָפּ אויף אַ האָר. האָט זי מוירע, זי וועט בלײַבן אָן אַ קנעפּל. לעבן שול וווינט יענטל. גייט געטעלע צו איר אַרײַן און מאַכט עס צורעכט. פאַרן אָנטאָן ריי־ניקט זי אָפּ דעם מאַנטל.

אופגאַבע 94. שטעלט אוף זאַצן מיט די פּרעפּאָזיציעס:

אונטער, איבער, אין, אַנטקעגן, אָפּ, אַרום, אָן, בײַ, ביז, דורך, הינטער, וועגן, לעבן, מיט, נאָך, פאַר, פאַרבײַ, פון, צו, צווישן.

אופגאַבע 95. דערשרײַבט:

בײַ דעם טײַך	— בײַם טײַך
ביז דעם האַלדז	— ביזן האַלדז
מיט דעם זאַמד	—
הינטער דעם וואַלד	—
פון דעם זאַוואָד	—
נאָך דעם לימעד	—
פאַר דעם וואָרעמעס	—
איבער דעם זומפּ	—

אופגאַבע 96.

אין קוזניע

(אַן אַמאָליקע ליד)

דאָרט אין קוזניע בײַ דער אַרבעט
שטייט אַ שמידער און ער שמידט.
ער קלאַפּט דאָס אײַזן, פונקען פײַער שפּריצן,
און ער זינגט דערבײַ אַ ליד.
פון דער פרײַהײַט, וואָס וועט קומען,
זינגט ער מונטער, זינגט ער דרייסט,
און ער פילט ניט, ווי עס טועט גיסן
פון זײַן פּאָנעם טײַכן שווייס.
פון דער ערד, באַצירט מיט בלומען,
וואָס וועט קומען מיט דער צײַט.
ער קלאַפּט דאָס אײַזן העכער, שטאַרקער, פעסטער,
און די עכאָ קלינגט אָפּ ווײַט.

שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די פּרעפּאָזיציעס.

11. אדיעקטיוו

אופגאבע 97.

— מאָטל, זײַ אזוי גוט, גיב א לויף און ברענג מײַן לאָפּעטע, איך האָב קיין צײַט ניט.

— דאָרטן ליגן דאָך אסאך לאָפּעטעס, ווי וועל איך דערקענען, וועלכע איז דײַנע?

— דו וועסט האָבן א סימען — א לאנגע, א נײַע.

שרײַבט איבער די דערציילונג און שטרײַכט אונטער די סימאָנים, וואָס מע האָט געגעבן מאָטלען וועגן דער לאָפּעטע.

אופגאַבע 98.

פיניע איז געווען א בלעכער.
פון קרײַזשטאָט איז אָנגעקומען א לערערן.
שניטער האָבן זיך א נעם גע־טאָן פאר דער ארבעט.

פיניע איז געווען א יונגער בלעכער.
פון קרײַזשטאָט איז אָנגעקומען א יונגע לערערן.
יונגע שניטער האָבן זיך א נעם גע־טאָן פאר דער ארבעט.

וואָס איז צוגעקומען אין די זאצן לינקס אין פארגלײַך מיט די זאצן רעכטס?

א וועלכער בלעכער? — א יונגער.
א וועלכע לערערן? —
וועלכע שניטער? —

די ווערטער יונגער, יונגע ענטפערן אף דער פראגע וועלכער, וועלכע. דאָס זײַנען **אדיעקטיוון**.

אופגאבע 99.

אן אָקס האָט זיך צעיושעט.
די פאבריק־סירענע האָט ווי א כײַע פלוצעם א רעווע געטאָן.
אין זאָאָלאָגישן גאָרטן האלט מען אוף אסאך כײַעס.

א ווילדער אָקס האָט זיך צעיושעט.
די פאבריק־סירענע האָט ווי א ווילדע כײַע פלוצעם א רעווע געטאָן.
אין זאָאָלאָגישן גאָרטן האלט מען אוף אסאך ווילדע כײַעס.

וועלכע אדיעקטיוון זײַנען צוגעקומען לינקס?

אופגאבע 100. צעשטעלט די 12 אדיעקטיוונ אינ גרופעס לויטנ קאָליר, שטאָפ, גרייס, פאָרמע:

גרינע ווענט.	א רויטע פאָנ.	א זילבערנע מאטביייע.
א הילצערנער טיש.	א הויכער בוימ.	א גלייכער וועג.
א גרויסער טיש.	א בלויער הימל.	א קליינ זייגערל.
א קייַלעכדיקער עפל.	א פירקאנטיקער צימער.	געווענטענע הויזנ.

טראכט צו נאָכ אדיעקטיוונ (מיט סובסטאנטיוונ) פונ די זעלבע גרופעס.



אופגאבע 101. שרייבט אונטער די בילדער, באנוצט דערביי אד־יעקטיוונ.

> אנ **אדיעקטיוו** שטעלט זיכ לעבנ א סובסטאנטיוו. ער באטייט א **סימענ** אונ ענטפערט אפ דער פראגע **וועלכער?**

אופגאבע 102. שרייבט איבער אונ שטרייכט אונטער די אדיעק־טיוונ מיט צוויי שטריכנ, אונ די סובסטאנטיוונ, בא וועלכע זיי שטייענ, מיט איינ שטריכ:

בא אונדז אינ שול האָט זיכ אָרגאניזירט א קרייַזל פונ קריגערישע אפי־קאָרסימ. די מיטגלידער פונעמ קרייַזל לאָזנ ארויס יעדנ כוידעש א אנטירעליגיעזע צייַטונג. זיי פארשפרייטנ צווישנ די עלטערנ אונ צווישנ די ארבעטער פונ דער פאבריק אנטירעליגיעזע ביכער אונ זשורנאלנ. זיי פירנ אנ אנטירעליגיעזע

ארבעט צווישן די עלטערן, זיי זאָלן ניט פּראווען קיין רעליגיִעזע יאָנטויווים. זיי פירן אויך א שטענדיקע אַנטירעליגיִעזע ארבעט אין די קלענערע קלאסן.

אויפגאבע 103. שרייבט אויס וועלכע עס איז פינף סובסטאַנטיוון און צו יעדן טראכט צו צוויי פּאסיקע אַדיעקטיוון.

אויפגאבע 104. דערשרייבט פּאסיקע סובסטאַנטיוון.

א ווייטער, א ווייטע, א וויַיט, וויַיטע, א נאָענטער, א נאָענטע, א לעבעדיקער, פּאראַיאָריקע, א דערוואקסענער, א שענערע.

12. צאָלוואָרט

אויפגאבע 105.

שרייבט עס אָ"בער. אָנשטאָט די ציפערן שרייבט ווערטער.

צייל און מעסט

באַ אונדז אין קלאס זיצן 30 קינדער (13 יינגלעך און 17 מיידלעך). מיר האָבן געוואָלט וויסן, צי איז אין קלאס גענוג לופט. האָבן מיר זיך גענומען מעסטן דעם קלאס. מיר האָבן געמאָסטן מיט א מעטער.

אין דער ברייט האַלט אונדזער קלאס 9 מעטער, און אין דער לענג 10 מעטער. האַלט אונדזער קלאס 90 קוואדראַט-מעטער. אף יעדן קינד קומט אָן 3 קוואדראַט-מעטער. דער לערער האָט געזאָגט, אז דאָס איז גענוג פאר א קינד.

> א וואָרט, וואָס באַטייט א צאָל, הייסט **צאָלוואָרט**.
> א צאָלוואָרט קאָן מען שרייבן מיט ציפערן אָדער מיט ווערטער.

אויפגאבע 106. שרייבט אָן מיט ווערטער נאָכאַנאַנד די צאָלן פון 1 ביז 20.

אויפגאבע 107. שרייבט אָן מיט ווערטער די צאָלן:

99, 89, 74, 47, 31, 29, 23, 22, 21.

אויפגאבע 108. שרייבט איבער מיט ווערטער:

$17+24=41$

$99-72=27$

$7\times 9=63$

אופגאבע 109. שרײַבט איבער:

10 צען

100 הונדערט

1 000 טויזנט

10 000 צען טויזנט

100 000 הונדערט טויזנט

1 000 000 א מיליאָן

אופגאבע 110. שרײַבט איבער מיט ווערטער:

101, 121, 250, 323, 401, 570, 999, 1 005

אופגאבע 111. שרײַבט איבער. אָנשטאָט די ציפערן שרײַבט ווערטער.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז פאָרגעקומען אין 1917 יאָר.

לענין איז געשטאָרבן אין 1924 יאָר.

איך בין אָנגעקומען אין שול אין 1933 יאָר.

דער בוך איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין 1935 יאָר.

אופגאבע 112. דערשרײַבט:

דער ערשטער, דער צווייטער... (ביז 20)

אופגאבע 113. שרײַבט אָן מיט ווערטער:

$^3/_4$, $^3/_8$, $^5/_8$, $^2/_3$, $^1/_6$.

אופגאבע 114. שטעלט אויף זאצן מיט די ווערטער:

12 אזייגער באנאכט.

4 אזייגער פארטאָג.

8 אזייגער אינדערפרי.

12 אזייגער באטאָג.

4 אזייגער באטאָג.

8 אזייגער אינאָוונט.

אופגאבע 115. שרײַבט איבער מיט ווערטער:

5 מינוט אפ איינס. 10 מינוט אפ 2. ¼ אפ איינס. 20 מינוט אפ 5. האלב 2. 35 מינוט אפ 10. ¾ צוויי. 10 מינוט פאר 7. 5 מינוט פאר 9.

אופגאבע 116. ענטפערט שריפטלעך אפ די פראגעס:

ווען הייבט זיך אָן דער ערשטער לימעד?

ווען ענדיקט זיך דער ערשטער לימעד?

ווען ענדיקט זיך דער לעצטער לימעד?

13. ווערב

אופגאבע 117.

מיר לייענען א ביכל

איך קום צו לייבלען. זע איך, לייבל לייענט א ביכל. פרעג איך, וואָס לייענט ער. ענטפערט ער: איך לייען „קינדער פון איין פאָלק". בעט איך, מיר זאָלן לייענען צוזאמען.

דערווייל קומט סימע. פרעגט זי: קינדער, איר לייענט עפעס א גוט ביכל? זאָג איך: מיר לייענען „קינדער פון איין פאָלק". ווייל זי אויך לייענען. מאכט לייבל צו מיר: דאָוויד, דו לייענסט בעסער פון אונדז, לייען הויך.

כאפט אונטער סימע: טאקע, דאָוויד לייענט בעסער פון אונדז, זאָל ער לייענען. גוט. איך לייען, און זיי הערן. מיר האָבן אזוי איבערגעלייענט ביזן סאָף אן אינטערעסאנט ביכל.

איך **קום** צו לייבלען.
לייבל **לייענט** א ביכל.
מיר **לייענען** צוזאמען.

> דער פרעדיקאט באטייט געוויינלעך א טוונג. אזא פרעדיקאט איז א **ווערב**.

איך לייען — **ערשטע פערזאָן**.
דו לייענסט — **צווייטע פערזאָן**.

סימע לייענט לייבל לייענט ער לייענט זי לייענט עס לייענט מע לייענט	**דריטע פערזאָן**

> ווען זיך אליין רעדט מען אין דער ערשטער פערזאָן: **איך**.
> ווען דעם, צו וועמען מע רעדט, רעדט מען אין דער צווייטער פערזאָן: **דו**.
> ווען עמעצן אנדערש רעדט מען אין דער דריטער פערזאָן: **ער, זי, עס, מע**.

אופגאבע 118. שטעלט אוף זאצן מיט די סוביעקטן: **איך, דו, ער, זי, עס, מיר, איר, זיי, מע.**

אופגאבע 119.

איך לערן.

ווו איז דאָ א ווערב?

פארבײַט דעם סוביעקט **איך** אפּ **דו, זי, איר** און מאכט איבער דעם ווערב, ווי מע דארף.

> בא פארשיידענע סוביעקטן קאָן דער ווערב האָבן פארשיידענע פאָרמעס.

אופגאבע 120.

מערצאָל		אײנצאָל	
ערשטע פּערזאָן	מיר לויפן	ערשטע פּערזאָן	איך לויף
צווייטע פּערזאָן	איר לויפט	צווייטע פּערזאָן	דו לויפסט
דריטע פּערזאָן	זיי לויפן	דריטע פּערזאָן	ער לויפט

דאָס איז די **בייגונג** פונעם ווערב **לויפן**.

> דער ווערב קאָן זײַן אין ערשטער פּערזאָן, אין צווייטער פּערזאָן אָדער אין דריטער פּערזאָן. ער קאָן זײַן אין אײנצאָל אָדער אין מערצאָל. דאָס אַלץ ווענדט זיך אָן דעם, וואָס פאר א סוביעקט איז אין זאץ.

אופגאבע 121.

פאראיאָרן האָבן מיר געלערנט אין צווייטן קלאס, היאָר לערנען מיר און דריטן, איבעראיאָר וועלן מיר לערנען אין פערטן.

מיט א כוידעש צוריק האָבן מיר געלערנט וועגן סובסטאנטיוו, איצט לערנען מיר וועגן ווערב, און אין א כוידעש ארום וועלן מיר לערנען עפּעס אנדערש.

> **מיר האָבן געלערנט, מיר לערנען, מיר וועלן לערנען** — איז איינע און די זעלבע טוונג, אָבער אין פארשיידענע צײַטן:
>
> מיר האָבן געלערנט — **פארגאנגענהײַט.**
>
> מיר לערנען — **קעגנווארט.**
>
> מיר וועלן לערנען — **צוקונפט.**

אופגאַבע 122. טראַכט צו אונטערשריפֿטן צו די בילדער.







דער ווערב קאָן זײַן אין קעגנוואַרט, אין פֿאַרגאַנגענהײַט
אָדער אין צוקונפֿט.
אַ ווערב בייגט זיך אין דרײַ צײַטן, דרײַ פּערזאָנען
און צוויי צאָלן.

14. בייגונג פון ווערב אין פערזאָן און צאָל

אופגאבע 123.

איך שפרינגסט. איך פייפט. איך מאָלן.
וועלכע אויסיִעס דארף מען דאָ פארמעקן?
דו מאָל. ער פייף. מיר עס. זיי ווייס.
וועלכע אויסיִעס דארף מען דאָ צושרייבן?

אופגאבע 124.

איך לויפ	
דו לויפ	סט
ער לויפ	ט
מיר לויפ	ן
איר לויפ	ט
זיי לויפ	ן

וועלכע אויסיִעס זיינען די זעלביקע בא אלע פערזאָנען אין איינ־צאָל און אין מערצאָל? וועלכע זיינען פארשיידן?

לויפ איז די **טעמע** פון די אלע ווערטער.

סט
ט } זיינען די **פלעקסיעס** פון די אלע ווערטער.
ן

> דער סאָף וואָרט, וואָס ענדערט זיך, ווען דאָס וואָרט פאר־בינדט זיך מיט אנדערע ווערטער אין זאַץ, הייסט **פלעקסיע.**
> דאָס גאנצע וואָרט כוץ דער פלעקסיע הייסט **טעמע.**

אופגאבע 125. דערשרייבט:

ערשטע פערזאָן איינצאָל — ניטאָ קיין פלעקסיע.
צווייטע פערזאָן איינצאָל — פלעקסיע **סט**.
דריטע פערזאָן איינצאָל — פלעקסיע...
ערשטע פערזאָן מערצאָל — פלעקסיע...
צווייטע פערזאָן מערצאָל — פלעקסיע...
דריטע פערזאָן מערצאָל — פלעקסיע...

אופגאבע 126. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער אין אַלע ווערבן די פלעקסיעס:

מיר אַלע זיצן אין קלאַס. איך שרײַב, דו שרײַבסט, ער שרײַבט און זי שרײַבט אויך. מיר אַלע שרײַבן.

אופגאבע 127. שרײַבט איבער און בײַ יעדן זאַץ שרײַבט די פּערזאָן און די צאָל פון ווערב:

איר גייט. דו ווייסט. מיר קומען. מיר האַלטן. זיי שערן. איך קלעפּ. ער רעדט. איך וואַש. דו וויינסט. זי לאַכט.

אופגאבע 128. ענטפערט מינדלעך:

וויאַזוי איז די ערשטע פּערזאָן אייַנצאָל פון **איר גייט?**
וויאַזוי איז די ערשטע פּערזאָן מערצאָל פון **דו ווייסט?**
וויאַזוי איז די דריטע פּערזאָן אייַנצאָל פון **מיר קומען?**
וויאַזוי איז די דריטע פּערזאָן מערצאָל פון **מיר האַלטן?**
וויאַזוי איז די ערשטע פּערזאָן מערצאָל פון **זיי שערן?**
וויאַזוי איז די צווייטע פּערזאָן מערצאָל פון **איך קויף?**

אופגאבע 129. שרײַבט אָן די בייגונג פונעם וואָרט שערן: איך שער, דו..., ער..., מיר..., איר..., זיי....

אופגאבע 130. שרײַבט אָן די בייגונג פון די ווערבן: **זינגען, זינקען, שטעפּן, וועבן, רופן, פּרווון.** (דערמאָנט זיך וועגן הילכיקע און דומפּע קאָנסאָנאַנטן).

אופגאבע 131. שרײַבט איבער אין מערצאָל:

אינדערפרי שטיי איך אוף, איך טרינק טיי, איך נעם צונויף מײַנע זאַכן און גיי אין שול אַרײַן. אין שול לערן איך און איך שפּיל. נאָך דער שול גרייט איך די לימודים, איך עס, איך גיי שפּאַצירן און איך שפּיל.

מוסטער: אינדערפרי שטייען מיר אוף...

אופגאבע 132.

א שמועס

— מײַע, וואָס טוסטו? — פרעגט סימקע.
— איך מאַך די לימודים.
— דו מאַכסט די לימודים?

— יאָ, זי מאכט די לימודים! — האָט זיך צעלאכט מײַעס עלטערער ברו־
דער, — זי שפּילט גאָר מיט מיר אין לאָטאָ.

שרײַבט עס איבער וועגנ מײַענ אונ ליזענ צוזאמענ.

מוסטער: — מײַע אונ ליזע, וואָס טוט איר?

אופגאבע 133.

איך ליג	איך זיצ
דו ליגסט	דו זיצסט
ער ליגט	ער זיצט

שרײַבט איבער.

> **דו זיצסט** רעדט זיך ארויס אלציינס, ווי
> **ער זיצט**, אָבער שרײַבט זיך פארשיידנ.

צום געדענקענ: צווייטע פּערזאָנ **סט**, דריטע פּערזאָנ **ט**.

אופגאבע 134. דערשרײַבט:

איך טאנצ	איך וויש	איך בינד
דו	דו	דו ....
ער	ער	ער בינדט
זי	זי	זי ....
מע	מע	מע ....

אופגאבע 135. שרײַבט איבער:

איך רעד אָדער איך רייד
דו רעדסט
ער רעדט
מיר רעדנ אָדער מיר ריידנ
איר רעדט
זיי רעדנ אָדער זיי ריידנ.

אופגאבע 136. שרײַבט איבער:

איך לאָז	איך עס
דו לאָזט	דו עסט
ער לאָזט	ער עסט
מיר לאָזנ	מיר עסנ
איר לאָזט	איר עסט
זיי לאָזנ	זיי עסנ

דו לאָזט ער לאָזט	} שרײַבט זיך אַלצײנס.

אופגאַבע 137. דערשרײַבט:

איך בלאָז	איך ווײַז	איך רײַס	איך שיס
דו . .	דו . .	דו . .	דו . .
ער . .	ער . .	ער . .	ער . .
זי . .	זי . .	זי . .	זי . .
מע . .	מע . .	מע . .	מע . .

אופגאַבע 138. שטעלט אופ זאַצן מיט די ווערטער: דו זיצסט, דו וויַסט, דו ווײַזט, ער פאַרבינדט, איר רעדט, זי רעדט, דו דרעשסט.

אין דער צווייטער פּערזאָן נאָך **ש** און נאָך **צ** שרײַבט זיך **סט**.

צום געדענקען: **דו וואַשסט** און **דו פּוצסט, ער וואַשט** און **ער פּוצט.**

אופגאַבע 139. שטעלט אופ זאַצן מיט די ווערטער: מיר זינגען, זיי קלינגען, מיר טרינקען, מיר שלינגען, זיי געדענקען.

אופגאַבע 140. באַמערקט, וויפל ווערטער איז פאַראַן אין יעדן קעסטעלע אויבן און אונטן:

איך זע	דו זעסט	ער זעט
זע איך	**זעסטו**	זעט ער

דערשרײַבט:

איך זאָג — זאָג איך
זי רעדט — . . .
דו ווייסט — . . .

זיי שרײַען — שרײַען זיי
דו פרעגסט — . . .
איך שרײַב — . . .

אופגאבע 141. דערשרייבט די פאסיקע ווערטער פונ לינקס:

הײַנט איז א גוטער	וועט ער
מאָרגנ . . . . עפשער ווערנ ערגער	וועטער
די סאָוועטנמאכט האָט אָפּגענומענ בא די פריצים די . . .	גיט ער
אונ בא די בורשויענ די פאבריקנ	
מוישל איז ניט קיינ שלעכטער, אז מע בעט בא אימ עפעס . . .	גיטער
שטענדיק פארדרייט ער די . . . , אונ אז מע זאָגט אימ , . . .	ווערט ער
בייז	ווערטער
איכ האָב ארײַנגעשטעקט די ליכט אינ מעשענעמ . . .	לײַכט ער
מיר האָבנ אופגעהאנגענ א לאָמפּ, . . . זייער גוט.	לײַכטער
זיצט א . . . אפ זײַנ פערד.	רײַט ער
פליט ער, לויפט ער, . . . אויס די גאנצע וועלט.	רײַטער
האָבער . . . . . אינ א זאק.	שיט ער
אפ הויכע בערג איז די לופט	שיטער

15. דרײַ צײַטנ פונ ווערב

אופגאבע 142.

דער לערער האָט געשיקט גרישענ, מישענ אונ קימענ ברענגענ אינ שול ארײַנ לאָפּעטעס, הראבליעס אונ עמערס.

גייענ די קינדער. אינ וועג טראכט גרישע, וואָס זאָל ער נעמענ טראָגנ, עס זאָל אימ גרינגער זײַנ. זאָגט ער:

— איכ וועל טראָגנ צוריקוועגס א הראבליע.

— אונ איכ וואָס? — פרעגט מישע.

— דו? דו וועסט טראָגנ די איבעריקע הראבליעס.

— אונ קימ? — פרעגט ווידער מישע.

— קימ? קימ וועט טראָגנ די לאָפּעטעס מיט די עמערס, — ענטפערט גרישע.

וואָסער זאצ זאָגט גרישע וועגנ זיכ? וועגנ מישענ? וועגנ קימענ?

אופגאבע 143. איכ וועל טראָגנ א הראבליע. דו וועסט טראָגנ הראבליעס. ער וועט טראָגנ לאָפּעטעס מיט עמערס.

ווו איז דאָ די ערשטע פערזאָנ? די צווייטע? די דריטע? וועלכע צײַט איז עס? מאכט עס איבער אינ קעגנווארט אונ אינ פארגאנגענהײַט. מאכט עס איבער אינ מערצאָל.

שרײַבט ארויס פונ דער פריִערדיקער דערציילונג די ווערבנ.

אופגאבע 144. פארפילט די ליידיקע קעסטלעך:

קעגנוואַרט	פאַרגאַנגענהייט	צוקונפט
איך פאַל		
	זי האָט געלאַכט	
		איר וועט גיין
זיי טרינקען	זיי האָבן געטרונקען	
		מיר וועלן עסן
	זי האָט געשווומען	זי וועט שווימען
דו לויפסט		
ער קומט		
	איר האָט געשריבן	
		זיי וועלן וואַשן
דו גראָבסט		
		ער וועט שיסן
זי נעמט	זי האָט גענומען	

אופגאַבע 145.

בייגונג פונעם ווערב לאַכן

קעגנוואַרט	פאַרגאַנגענהייט	צוקונפט
איך לאַך	איך האָב געלאַכט	איך וועל לאַכן
דו לאַכסט	דו האָסט געלאַכט	דו וועסט לאַכן
ער לאַכט	ער האָט געלאַכט	ער וועט לאַכן
מיר לאַכן	מיר האָבן געלאַכט	מיר וועלן לאַכן
איר לאַכט	איר האָט געלאַכט	איר וועט לאַכן
זיי לאַכן	זיי האָבן געלאַכט	זיי וועלן לאַכן

שרייבט אָן די בייגונגען פון די ווערבן: **לייענען, בויען, וואַשן.**

אופגאַבע 146. מאַכט איבער אין קעגנוואַרט און אין צוקונפט:

דער טאַטע איז געקומען פון זאַוואָד. ער האָט גלייך אַראָפּגעוואָרפן די שמוציקע קליידער, געוואַשן די הענט און דאָס פּנים און זיך געזעצט עסן. אַז ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער זיך געלייגט אויף דער קאַנאַפּע, גענומען אַ צייטונג און געלייענט. ווען דער זייגער האָט געשלאָגן אַכט, האָט ער געטרונקען

טיי. נאָכדעם האָבן מיר זיך אָנגעטאָן און אוועקגעגאַנגען אין קלוב. אין קלוב זײַנען מיר אַרײַנגעגאַנגען אין קלוב־ביבליאָטעק און מיר האָבן גענומען ביכער: ער פאַר זיך און איך פאַר זיך.

אויפגאַבע 147.

מאָטל איז אַזאַ מאָדנער, — וואָס מע זאָגט, וואָס מע דערציילט, מוז ער צו־געבן: „איך אויך". אַז מע זאָגט: „הײַנט גייען די עלטערע קינדער אויף אַן עקסקורסיע", רופט ער זיך אָן: „איך אויך". אַז מע זאָגט: „דער דריטער קלאַס לאָזט אַרויס אַ וואַנטצײַטונג", מוז ער זיך אָפּרופן: „איך אויך".

איינמאָל האָט אים בערל אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל. בערל זאָגט:

— מאָרגן וועל איך שטעלן אַ קאָרעטע.

מאַכט מאָטל:

— איך אויך.

— און איך וועל אָנשיטן קלײַען.

— איך אויך.

— און די כאַזיירים וועלן עסן.

— און איך אויך.

דאָ האָבן זיך אַלע קינדער צעלאַכט.

שרײַבט עס איבער אַזוי, אַז בערל זאָל זאָגן ניט וועגן מאָרגן, נאָר וועגן נעכטן. (דעם אָנהייב, ביז בערלס רייד, שרײַבט איבער ווי דאָ).

אויפגאַבע 148. צו די ווײַטערדיקע ווערטער גיט צו פּרעדיקאַטן מיט דערקלער־ווערטער (וועלכע איר ווילט): דער אַלטער שנײַדער. דער דריטער קלאַס. אַ נײַער אעראָפּלאַן. דער טראַקטאָר.

16. אינפיניטיוו, פּאַרטיציפּ

אויפגאַבע 149.

מיר (וואָס טוען?) שפּאַצירן
זיי (וואָס טוען?) מאָלן
מיר (וואָס טוען?) שרײַבן
ער (וואָס טוט?) שרײַבט

מיר גייען (וואָס טאָן?) שפּאַצירן
זיי זעצן זיך (וואָס טאָן?) שרײַבן
מיר וועלן (וואָס טאָן?) מאָלן
ער וועט (וואָס טאָן?) שרײַבן

שרײַבט איבער:

אויף דער פראַגע **וואָס טאָן?** ענטפערט מען שפּאַצירן, מאָלן, שרײַבן און נאָך אַזעלכע ווערטער. שפּאַצירן, מאָלן, שרײַבן און אַנדערע זײַנען **אינפיניטיוון**.

אופגאבע 150.

איך מאָל א בילד.
איך וועל מאָלן א בילד.

אין וועלכע זאץ באשטייט דער ווערב פון איין וואָרט? אין וועלכע פון צוויי? בייגט מינדלעך דעם צווייטן זאץ אין אלע פערזאָנען און צאָלן. וועלכעס וואָרט פון ווערב ענדערט זיך? וועלכעס — ניט? שטעלט אויף עטלעכע זאצן מיט צוקונפט.

די צוקונפט באשטייט פונעם וואָרט וועל, וועסט, וועט, וועלן מיט אן אינפיניטיוו.

אופגאבע 151. דערשרייבט:

מיר שפאצירן — איך . . . . מיר גייען שפאצירן — איך גיי. . . . .
מיר לויפן — דו . . . . מיר ווילן לויפן — דו ווילסט. . . .
זיי שניידן פאפיר — ער. . . זיי נעמען שניידן פאפיר — ער נעמט...
ווו האָט זיך שפאצירן, לויפן, שניידן געענדערט באם דערשרייבן, און ווו ניט?

אין די ביישפילן רעכטס איז עס א קעגנווארט, אין די ביישפילן לינקס — אן אינפיניטיוו.

אן אינפיניטיוו ענדערט זיך ניט אין זאץ.

אופגאבע 152. שרייבט איבער און שטרייכט אונטער די אינפיניטיוון:

מיר שניידן פאפיר. מיר וועלן שניידן פאפיר. זיי קאָנען ניט הייבן קיין שווערע מאסע. זיי הייבן נאָר גרינגע זאכן. אז זיי וועלן קאָנען, וועלן זיי הייבן שווערע זאכן אויך. שפאצירן זיינען מיר געגאנגען. שפאצירן מיר אזוי אפן ברעג טייך.

אופגאבע 153. שרייבט ארויס די אויסגעטיילטע ווערטער און בא יעדערן שרייבט אָן, צי איז עס אן אינפיניטיוו אָדער א קעגנווארט:

קינדער גייען אפ אן עקסקורסיע. דער קליינער וואָלאָדיע וויל אויך מיט זיי גיין. אָט בלייבן אלע שטיין. זיי האָבן דערזען א גרויסן שטיין. שטייען זיי, שטייען, ביז איינער פאלט אפ א סייכל: פארקערעווען אין א זייט.

אופגאבע 154.

דאָרט באם גרענעצ, דאָרט באם פעלד
שטייען יאטנ אויסגעשטעלט.
קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען יאטנ אונ מע היט.

שרײַבט איבער, מאכט עס איבער אינ צוקונפט.

אופגאבע 155. דערשרײַבט די נייטיקע ווערטער:

מיר . . . . אפ דער וואכ	שטייג
מיר וועלנ . . . . . . אפ דער וואכ	שטייען
מיר. . . . . אינ שול	גייג
מיר ווערנ. . . . . . . אינ שול	גייען

אופגאבע 156.

וויאזוי מע דארפ האלטנ א בוכ

א בוכ דארפ מענ ניט האלטנ מיט שמוציקע הענט. מע דארפ אים ניט צונויפדרייענ ווי א טרײַבל. מע דארפ אים ניט לייגנ אפ קיינ נאסנ טיש. מע דארפ ניט פארבייגנ אינ אים קיינ בלעטלעכ. מע דארפ אים ניטווארפנ אפ דער ערד. מע דארפ אָפהיטנ דאָס געזעלשאפטלעכע אייגנטום.

וואָס פאר א ווערטער זײַנענ דאָ אויסגעטיילט?
שרײַבט אָנ:

וויאזוי איכ האלט מײַנע ביכער

מײַנע ביכער האלט איכ ניט מיט קיינ שמוציקע הענט... א. אז. וו.

אופגאבע 157.

פאר די הענטלעכ, אינ די רינגעלעכ
שיינע קליינע קינדער זינגענ:
— וואָלקנ, וואָלקנ, גיב א רעגנ
פונ די קליינע קינדערס וועגנ.

ווײַזט א וואָלקנ זיכ פונ אויבנ,
נעמענ זיכ די פעלדער שטויבנ,
אונ א רעגנ פערל־רייכ
טריפ־טראָפ, טריפ־טראָפ הייבט אָנ גייכ.

געמען זיך די פעלדער שפּרייטן,
ווייך צעאַקערטע אין בייטן.
ווערן גרינע קאָרן־זאַנגען
פון די בייטן אויפגעגאַנגען.

בעמט אַ טוי אַף זיי צו פאַלן,
וואַרעמט זיי די זון מיט שטראַלן.
ווערן פעלדער פול מיט גאָלד,
פול מיט גאָלד, מיט קאָרן־גאָלד.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן,
דורך די בערג און דורך די טאָלן,
אין די מילן אַף צו מאָלן.

הייבן אָן די ווינטן ווייען
און די מילן — פליגל דרייען.
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייַסע מעל.

קנעט דער בעקער מעל מיט הייוון
און פאַרהייצט זייַן גרויסן אויוון.
ברענט דאָס פייַער, שייַטלעך קנאַקן,
נעמט דער ברויט זיך בעסער באַקן.

קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אַף די טישן.
עסן קינדער פרישן ברויט,
זייַנען זיי געזונט און רויט.

שטרייַכט אונטער די אינפיניטיוון מיט איין שטריך, און די ווערטער, וואָס זייַנען ענלעך אַף אינפיניטיוון, מיט צוויי שטריכן.

אויפגאַבע 158.

איך האָב (וואָס געטאָן?) געמאָלט.
ער (וואָס טוט?) מאָלט.
מיר וועלן (וואָס טאָן?) מאָלן.

איך האָב (וואָס געטאָן?) געלייענט
מיר האָבן (וואָס געטאָן?) געמאָלט.

שרײַבט איבער:

> אפּ דער פראגע וואָס געטאָן? ענטפערט מען: געשריבן, געלייענט, געמאָלט און נאָך אזעלכע ווערטער. געשריבן, געלייענט, געמאָלט און אנדערע זײַנען פּארטיציפּן.

אופגאבע 159.

איך מאָל א בילד.
איך האָב געמאָלט א בילד.

אין וועלכן זאַץ באשטייט דער ווערב פון צוויי ווערטער? בייגט מינד־לעך דעם צווייטן זאַץ אין אלע פּערזאָנען און צאָלן. וואָסער וואָרט ענדערט זיך? וואָסערס ענדערט זיך ניט? שטעלט אוף עטלעכע זאַצן מיט פארגאנגענהײַט.

> די פארגאנגענהײַט באשטייט פונעם וואָרט האָב, האָסט, האָט, האָבן מיט א פּארטיציפּ.

אופגאבע 160. שרײַבט איבער די אינפיניטיוון און קעגן יעדערן זײַן פּארטיציפּ:

אקערן — געאקערט. ארבעטן — . . . . הייסן — . . . . . .
האלטן — . . . . . . הערן — . . . . ענדיקן — . . . .

> אויב דער אינפיניטיוו איז מיט א ה, איז דער פּארטיציפּ אויך מיט א ה; אויב דער אינפיניטיוו איז אָן א ה, איז דער פּארטיציפּ אויך אָן א ה.

צום געדענקען: הערן — געהערט; ערן — געערט.

אופגאבע 161. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די טעמעס:

אקערן — געאקערט.
שנײַדן — געשניטן.
לייענען — געלייענט.
שרײַבן — געשריבן.

> אמאָל בלײַבט די טעמע פון אינפיניטיוו אין פּארטיציפּ אויך, און אמאָל ענדערט זי זיך.

זוכן — געזוכט.
זיגן — געזיגט.
זינגען — געזונגען.

> אויב אין אינפיניטיוו איז דער וואָקאַל ו, איז אין פּאַרטיציפּ אויך ו. אויב אין אינפיניטיוו איז דער וואָקאַל י, איז אין פּאַרטיציפּ אָדער י אָדער ו.

צום געדענקען: איך האָב פֿאַרבונדן	ער איז פֿאַרשוווּנדן
איך וועל פֿאַרבינדן	ער וועט פֿאַרשווינדן

אויפגאַבע 162. ענטפֿערט מינדלעך, וויאַזוי זײַנען די פּאַרטיציפּן פֿון דידאָזיקע ווערבן:

אויספּרוּוון, אונטערשפּרינגען, אופמאָנען, אופמישן, אוועקטראָגן, אָנטאָן, אָנפֿילן, אָנצינדן, אָנקומען, אָנקלאַפּן, אָנקלעפּן, אָפּפאַלן, באַדאַרפֿן, באַשטראָפֿן, בעטן, ברעכן, ברענגען, געבן, דאַנקען, דעקלאַמירן, דערפֿילן, האַלטן, האָרעווען, וואַקסן, ווינקען, זיך אופהייבן, זיך אײַנמידן, זיך אָפּהאַלטן, זיך דערמאָנען, זיך וועטן, זיך זעצן, זיך לייגן, זיך מישן, זיך פֿאַרמעסטן, טעלעגראַפֿירן, טרינקען, מעקן, סקריפּען, פּרוּוון, פֿאַנגען, פֿאַרברענען, פֿאַרדינען, פֿאַרוואַנדלען, פֿאַרווײַסן, פֿאַרטאָן, פֿאַרלאַטען, פֿילן, פֿרירן, צוכאַפּן, צונעמען, צעוויקלען, צעכאַפּן, צענעמען, שטימען, שפּאַצירן, שרעקן.

אויפגאַבע 163. דערשרײַבט די אינפיניטיוון:

פּאַרטיציפּ	אינפיניטיוו
געאַקערט	
געהייסן	
געאַרבעט	
געגעבן	
געהאָרעוועט	
געקלונגען	
געשפּרונגען	
געקוקט	
געוווּסט	
געענדיקט	

אופגאבע 164. דערשרײַבט די פּאַרטיציפּן.

זוכן — . . . . . טונקען — . . . . קוקן — . . . . . שפּילן — . .

היטן — . . . ווישן — . . . טרינקען — . . . . . . דינגען — . . . .

צינדן — . . . .

אופגאבע 165. שרײַבט ארויס פון דער דערציילונג אין דער אופגאבע 146 די פּאַרטיציפּן.

אופגאבע 166.

שרײַבט איבער אין פארגאנגענהײַט:

אָט־די אינדזלען, אָט־די אינדזלען
וועט מען מעסטן, וועט מען גלײַכן,
און די קליאָנען, און די דעמבעס
אפ די ברעגן פון די טײַכן
וועט מען שניצן, וועט מען שינדן,
וועט מען האקן, וועט מען שנײַדן.
און די דעמבעס וועלן קראכן,
און די קליאָנען וועלן שרײַען.
וועט א דונער זיך צעלאכן
און א בליץ וועט זיך צעברענען,
און דער אלטער, אלטער דניעפּער
וועט אליין זיך ניט דערקענען. —
נאָר די בלעטלעך וועלן וויאנען,
און די צווײַגן וועלן ליגן,
און די סטויפּעס וועט מען פירן
אפ באזונטע פרעמדע וועגן.

(אי. פעפער).

17. צוגאָב און פּרעפיקס

אופגאבע 167.

מײַן ברודער עליע גייט ארום אָן א שטאָך ארבעט. ער קאָן ניט טאָן דאָס, וואָס אונדזער כאווער פיניע טוט. פיניען לעמאָשל שטייט אָן נעמען א לאָפּעטע ווינטער און רייניקן דעם שניי פון דער גאס. עליע זאָגט, אז ער וואָלט אויך געגאנגען רייניקן דעם שניי, נאָר ניט אין גאס. זאָגט צו אים פיניע: וואָס דען האָסטו געוואָלט — מע זאָל דיר ארײַנטראָגן דײַן פּאָרציע שניי אין שטוב ארײַן?

װאָס איז דער אונטערשייד פון טראָגן ביז אַרײַנטראָגן? פון װאַרפֿן ביז אַרײַנװאַרפֿן? פון פֿאָרן ביז אַרײַנפֿאָרן?
קלײַבט צו נאָך װערבן, װאָס הייבן זיך אָן מיט **אַרײַן**, און שטעלט אויף זאַצן מיט אַזעלכע װערבן.

אויפֿגאַבע 168. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די װערבן:
אַרײַנטראָגן אין שטוב — אַרויסטראָגן פון שטוב.
אַרײַנגיין אין קלאַס — אַרויסגיין פון קלאַס.
אַרײַנלויפֿן אין צימער — אַרויסלויפֿן פון צימער.

אויפֿגאַבע 169. דערשרײַבט די קעגנזאַצן:
אַרײַנגיין — אַרויסגיין. אַרײַנטראָגן — . . . . . אַרויסלויפֿן — . . . .
אַרויסשפּרינגען — . . . . . . אַרופֿקריכן — . . . . . אַרופֿציִען — . . . .
אַראָפּװאַרפֿן — . . . . . .

אַרײַן, אַרויס, אַרויף, אַראָפּ — זײַנען צוגאָבן
בײַ װערבן.

אויפֿגאַבע 170. שטעלט אויף אַ זאַץ מיטן װערב **אַרײַנטראָגן** אין פֿאַרגאַנגענהײַט, מאַכט אים איבער (מינדלעך) אין צוקונפֿט, דערנאָך אין קעגנװאַרט. באַמערקט, װאָס קומט פֿאָר מיטן צוגאָב **אַרײַן** אין פֿאַרגאַנגענהײַט (באַם פּאַרטיציפּ), אין צוקונפֿט (באַם אינפֿיניטיװ), אין קעגנװאַרט.

אויפֿגאַבע 171. בייגט (מינדלעך) דעם װערב **אַרויסװאַרפֿן** אין אַלע צײַטן.

אויפֿגאַבע 172.

איך האָב אַרײַנגעטראָגן
איך טראָג אַרײַן
איך װעל אַרײַנטראָגן

איך האָב אַרײַנגעטראָגן	איך טראָג אַרײַן	איך װעל אַרײַנטראָגן
דו האָסט אַרײַנגעטראָגן	דו טראָגסט אַרײַן	דו װעסט אַרײַנטראָגן
ער האָט אַרײַנגעטראָגן	ער טראָגט אַרײַן	ער װעט אַרײַנטראָגן
מיר האָבן אַרײַנגעטראָגן	מיר טראָגן אַרײַן	מיר װעלן אַרײַנטראָגן
איר האָט אַרײַנגעטראָגן	איר טראָגט אַרײַן	איר װעט אַרײַנטראָגן
זיי האָבן אַרײַנגעטראָגן	זיי טראָגן אַרײַן	זיי װעלן אַרײַנטראָגן

טראכט צו א ווערב מיט א צוגאָב און שרייַבט אויף זייַן בייגונג אין אזא טאבעלע:

		קעגנוואַרט	פאַרגאַנגענהייַט	צוקונפט
איינצאָל	I פּערזאָן II פּערזאָן III פּערזאָן			
מערצאָל	I פּערזאָן II פּערזאָן III פּערזאָן			

אויפגאַבע 173. שרייַבט איבער און שטרייַכט אונטער די ווערבן מיט די צוגאָבן **אויס, אויף.**

דעם ערשטן פינפיאָריקן פּלאַן האָבן מיר אויסגעפילט אין פיר יאָר. אין אַלע עקן לאַנד וואַקסן אויס נייַע פאַבריקן און זאַוואָדן. עס זייַנען אויפגעקומען הונדערטער, טויזנטער קאָלווירטן.

הייבט אויף העכער די פאָן פון סאָצגעוועט.

> **אויס, אויף** זייַנען אויך צוגאָבן: פאַראַן נאָך אַנדערע צוגאָבן. מיט יעדן צוגאָב באַקומט דער ווערב אַן אַנדער באַטייַט.

אויפגאַבע 174. שרייַבט איבער די אינפיניטיוון און קעגן יעדערן שרייַבט אָן די ערשטע פּערזאָן מערצאָל פון קעגנוואַרט.

ארופוואַרפן, אראָפּוואַרפן, אריינוואַרפן, ארויסוואַרפן, אריבערוואַרפן, ארונטערוואַרפן, אָפּוואַרפן, אוועקוואַרפן, פאַנאַנדערוואַרפן, ארופלייגן, אראָפּנעמען, אריינלייגן, ארויסנעמען, פאַנאַנדערשיטן

מוסטער: ארופוואַרפן — מיר וואַרפן ארויף.

אויפגאַבע 175. דערשרייַבט איינעם פון די צוגאָבן: איין, ארייַן, אויס, ארויס, אויף, ארויף, אָפּ, אראָפּ.

. . . . . . נעמען א גאַסט.

. . . . . . נעמען צוריק דעם בוך.

. . . . . . נעמענ א רעפוע.
. . . . . . נעמענ אַנ עמער פונ ברונעם.
. . . . . . נעמענ דעם זייגער פונ וואנט.
. . . . . . נעמענ דעם הונט אינ שטוב.
. . . . . . נעמענ דאָס קינד אפ דער קאנאפּע.
. . . . . . קלאפּנ א שטויביקע קאָלדרע.
. . . . . . קלאפּנ א רייפּ אפ א פאס.
. . . . . . קלאפּנ א צוואָק אינ וואנט.
. . . . . . קלאפּנ א רייפּ פונ א פאס.

אוועק — געבנ אוועקגעבנ	אוועק — געגעבנ אוועקגעגעבנ

אופגאבע 176. פונ וועלכע אויסיִעס באשטייט **אוועקגעגעבנ**? **אוועקגעטראָגנ**? שרייבט אופ פינפ אינפיניטיווּנ אונ פּארטיציפּנ מיטנ צוגאָב אוועק.

אופגאבע 177. שרייבט אָנ צענ אינפיניטיוונ מיט פארשיידענע צוגאָבנ.

אופגאבע 178. שרייבט אָנ די בייגונג פונ די ווערבנ: צונעמענ, צוקלאפּנ (אינ אלע דריי צייטנ).

אופגאבע 179.

— איכ וועל **צוקלעפּנ** דעם פּלאקאט.
— זעט נאָר, איר זאָלט **צעקלעפּנ** אלע פּלאקאטנ.

דערגאנצט (מינדלעכ):

איכ קלעפּ צו א פּלאקאט	איכ צעקלעפּ די פּלאקאטנ.
דו	דו
ער	ער
מיר	מיר
איר	איר
זיי	זיי

וואָס איז דער אונטערשייד אינ דער בייגונג פונ **צוקלעפּנ** אונ **צעקלעפּנ** אינ קעגנוואַרט?

צו איז א צוגאָב, **צע** איז א פּרעפיקס.

אופגאַבע 180. בייגט (מינדלעכ) די ווערבנ **צעקלעפּנ** אונ **צו־קלעפּנ** אינ פאַרגאַנגענהייט. וואָס איז דער אונטערשייד צווישנ די צוויי פּאַרטיציפּנ?

בייגט (מינדלעכ) ביידע ווערבנ אינ צוקונפט.

צע פאַר באַ אַנט דער	פּרעפיקסנ

אופגאַבע 181. בייגט (מינדלעכ) אינ קעגנוואַרט די ווערבנ: אָפּנע־מענ, פאַרנעמענ, אַרויסנעמענ, צונעמענ, אַוועקלויפנ, אַראָפּלויפנ, אַנטלויפנ, דערשרייבנ.

אופגאַבע 182.

אָפּ — נע — מענ
פאַר — נע — מענ

אינ **אָפּנעמענ** איז דער **אַקצענט** אפנ ערשטנ טראַפ, אינ **פאַרנעמענ** איז דער **אַקצענט** אפנ צווייטנ טראַפ.

אָנ — קו — מענ	קאָ — **מו** — נע	**שניי** — דער — קע
באַ — **קו** — מענ	קאָ — מו — **ניסט**	שניי — דע — **ריי**

> אינ אַ וואָרט ווערט איינ טראַפ אַרויסגערעדט שטאַרקער.
> אפ דעמ טראַפ איז דער **אַקצענט.**

לייענט אונ באַמערקט די אַקצענטנ פונ די אויסגעטיילטע ווערטער:

היינט אַרבעט איכ, אונ מאָרגנ **אַרבעט ער.**

ער איז אַ גוטער **אַרבעטער.**

וויפל העפטנ האָסטו? פינפ, **צי מער?**

ווו איז די שוועסטער — אינ קיכ צי אינ **צימער?**

אופגאַבע 183. ווו איז דער אַקצענט אינ די ווערטער: קאָלווירטישע, שטעטלדיקע, אַלפאַרבאַנדישע, רעוואָלוציע, רעוואָלוציאָנער, סובסטאַנ־טיוו, סוביעקט, אויסגעטיילטע, אַרויסגערעדט?

אופגאבע 184. שרייבט ארויס פונעם ווייטערדיקן שפאס אלע ווערטער, וואָס האָבן מער ווי איין טראַפּ און דער אקצענט איז אפן ערשטן טראַפּ.

א שפאס

א טויבער האָט געהערט, ווי א שטומער האָט דערציילט, אז א בלינדער האָט געזען, ווי א האָז איז געלאָפן, א קרומער האָט זיך נאָך אים נאָכגעיאָגט, א נאקעטער האָט אים ארייַנגעלייגט אין קעשענע און האָט אים געבראכט אהיים.

אופגאבע 185. שרייבט איבער און שטרייכט אונטער די אויסגעטיילטע ווערטער.

אפן ברעג טייַך

א קליין שטעטעלע שטייט אפן ברעג טייַך.

פרילינג, ווי נאָר דאָס אייַז גייט אוועק און עס **באווייַזט** זיך דאָס מוטנע וואסער, **פארשפרייט** זיך א קאָכיק לעבן איבערן ברעג. דער שניי **פארדעקט** נאָך ביידע ברעגן, נאָר וווּ־ניט־וווּ קוקט ארויס די שווארצע, פייַכטע און פעטע ערד. אין א ליכטיקן טאָג, ווען די זון **דערוואַרעמט** די פארקילטע לופט, גיסן זיך אָן אופהער מוטנע שטראָמען וואסער, **פארשווענקען** די ברעגן פונעם טיפן און אָנגעשוואָלענעם טייַך.

די שטעטלדיקע **דערזעען** עס און **דערפילן** דעם ערשטן טרייסל פון אייַז. דאן **פארבינדן** זיי זיך שוין מיטן נאסן, גליטשיקן ברעג, ביז דאָס גרויסע וואסער וועט צוריק **פארשווינדן**. דעמלט הילכט דער ברעג. מע לאָזט פליטן מיט האָלץ און מיט שווערע ריזיקע קלעצער.

אופגאבע 186. פארבייַט אין די ווערבן פון דער פריערדיקער אופגאבע די פרעפיקסן אף אנדערע פרעפיקסן אָדער אף צוגאָבן.

מוסטער: באווייַזט — דערווייַזט, ווייַזט אָן, ווייַזט אויס...

אופגאבע 187. דערשרייבט די פארגאנגענהייט און די צוקונפט:

עס באווייַזט זיך — עס האָט זיך באוויזן — עס וועט זיך באווייַזן.

עס פארשפרייט זיך א קאָכיק לעבן —

דער שניי פארדעקט די ברעגן —

די זון דערוואַרעמט די לופט —

די שטראָמען פארשווענקען די ברעגן —

די מענטשן דערזעען עס —

די מענטשן דערפילן דעם טרייסל —

די מענטשן פארבינדן זיך מיטן ברעג —

דאָס וואסער פארשווינדט —

אופגאבע 188. שרײַבט איבער די ווערבן מיט די פּרעפיקסן — רעכטס, און מיט די צוגאָבן — לינקס:

אופשרײַבן, איבערשרײַבן, אָפּשרײַבן, צושרײַבן, אָנשרײַבן, פּארשרײַבן, פארשריבן, דערשרײַבן, דערשריבן, באשרײַבן, באשריבן, צעשרײַבן.

דער צוגאָב בא א ווערב האָט אפ זיך אן אקצענט. דער פּרעפיקס בא א ווערב האָט אפ זיך ניט קײן אקצענט.

אופגאבע 189.

צונעמען, צוגיסן, צוווארפן.
צונויפנעמען, צונויפגיסן, צונויפווארפן.
צענעמען, צעגיסן, צעווארפן.

צו — בא א ווערב האָט אפ זיך דעם אקצענט, ס'איז א **צוגאָב**. **צע** — בא א ווערב האָט אפ זיך **ניט** דעם אקצענט. ס'איז א **פּרעפיקס**. **צונויפ** — שרײַבט זיך מיט ו.

שטעלט אופ זאצן מיט די ערשט געבראכטע ווערבן.

אופגאבע 190.

בא אונדז אין שול האָט מען **באזאָרגט** די קינדער מיט לערנביכער. איך וועל קומען פרי אין קלוב און וועל **פארנעמען פאר** דיר אן אָרט. **פאר** דער גאנצער צײַט האָט זי נאָר הײַנט **פארשלאָפן** דעם ערשטן לימעד.

ווו זײַנען **בא**, **פאר** — פּרעפיקסן, און ווו — פּרעפּאָזיציעס?

אופגאבע 191. דערשרײַבט:

א...שרײַבט זיך צוזאמען מיטן ווײַטערדיקן וואָרט.
א...שרײַבט זיך באזונדער פונעם ווײַטערדיקן וואָרט.
(פּרעפיקס, פּרעפּאָזיציע).

אופגאבע 192. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די ווערבן מיט פּרעפיקסן אָדער צוגאָבן מיט איין שטריך, און די פּרעפּאָזיציעס מיט צוויי שטריכן.

וויאזוי דער הונט האָט געכאפּט א טכויר

בא אונדז אין שול האָט מען **באַ**שטימט מאכן אן עקסקורסיע אין וואלד. דערוואַרט זיך אפ א שיינעם ליכטיקן טאָג, איז דער לערער אוועק מיט אונדז

אין וואלד. **נאָך** אונדז איז **נאָכ**געלאָפן דער הונט פון שול. אין וואלד זענען מיר, דער הונט איז **צו**געלאָפן **צו** א בוים, געגומען **ארומ**לויפן **ארומ** אים, עפעס שטארק שמעקן און בילן. דער לערער האָט אונדז גלײַך דערקלערט די סיבה: **אונטערן** בוים האָט זיך **אונטער**געגראָבן א טכוירל, און דער הונט האָט עס דערשמעקט. באלד האָט אים דער הונט ארויסגעיאָגט פון זײַן נאָרקע. דער טכויר איז א ווײַלע געלאָפן אָן אן אָטעם, נאָר דער הונט האָט זיך **נאָכ**געיאָגט **נאָך** אים און האָט אים געפאקט, ווען ער האָט באדארפט **איבער**שפרינגען **איבער** א קאנאווע. דער הונט האָט **צו**געטראָגן **צו** אונדז נאָך א לעבעדיקן טכויר. ער האָט אים נאָר אביסל **צע**ביסן. מיר האָבן אים אוועקגעטראָגן אין שול.

אופגאבע 193. שטעלט אופ זאצן, אז די ווערטער: **בא, פאר** זאָלן זײַן פרעפאָזיציעס און פרעפיקסן.

שטעלט אופ זאצן, אז די ווערטער **נאָך, צו, איבער** זאָלן זײַן פרעפאָזיציעס און צוגאָבן.

18. „זיך" בא א ווערב, אָפּגעכאפּטער ווערב

אופגאבע 194. טראכט צו אונטערשריפטן צו די בילדער:

אופגאבע 195.

וויאזוי לעניִן האָט זיך געלערנט

וולאדימיר איליטש האָט זיך אויסגעלערנט לייענען, ווען ער איז אלט געווארן 5 יאָר. אינאיינעם מיט זײַן שוועסטער אָליע פלעג ער שוין דעמלט לייענען קינדער־ביכלעך און קינדער־זשורנאלן. זיך אָנגעלייענט, פלעג ער אוועקלויפן אינאיינעם מיט אָליען זיך שפּילן.

ער האָט שטארק ליב געהאט באוועגלעכע שפּילן. זומער פלעגן זיי ביידע ארומלויפן אין סאָד און קלעטערן אף ביימער.

אז ער איז אלט געווארן 9 ½ יאָר, איז ער אָנגעקומען אינעם ערשטן קלאס גימנאזיע. ער האָט געלערנט גרינג און פלײַסיק. פײַיִקייטן האָט ער געהאט גוטע, און דערצו נאָך האָט אים דער טאטע צוגעוווינט צו זײַן געדולדיק און פּינקטלעך.

ער פלעג אופמערקזאם אויסהערן אלץ, וואָס מע האָט אים אין שול פארגעבן. זײַנע לערער פלעגן זאָגן, אז וולאדימיר שפּילט שטארק אויס דערמיט, וואָס ער הערט זיך שטענדיק צו אופמערקזאם צו די דערקלערונגען פון די לערער.

געקומען פון גימנאזיע, פלעג וולאדימיר דערציילן דעם פאָטער, וואָס מע האָט אים געפרעגט און וויאזוי ער האָט געענטפערט.

שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די ווערבן מיטן וואָרט זיך.

אופגאבע 196. וואָס איז דער אונטערשייד:

וולאדימיר לערנט.
וולאדימיר לערנט זיך.
וולאדימיר שפּילט.
וולאדימיר שפּילט זיך.

אופגאבע 197. דערשרײַבט:

איך לערן זיך
דו . . . . .
ער . . . . .
מיר . . . . .
איר . . . . .
זיי . . . . .

אופגאַבע 198. וויאַזוי איז די פאַרגאַנגענהייט פון „איך לערן זיך" וויאַזוי איז די צוקונפט?
טראַכט צו עטלעכע ווערבן מיטן וואָרט „זיך" און שטעלט אויף מיט זיי זאַצן.

זיך בא ווערבן שרייבט זיך באַזונדער.

אופגאַבע 199. שרייבט איבער די זאַצן און שטעלט, ווו מע דאַרף, דאָס וואָרט **זיך.**

כאַים האָט דערצויגן אין א קינדערהיים. מישע האָט גוט באַצויגן צו אַלע כאַווײרים. מיר וועלן פאַרנעמען מיט מאָלן. פון זייערע סטראַשונקעס לאַכן מיר אויס.

אופגאַבע 200.

עליע מאַכט טינט

מיין ברודער עליע איז אוועק אין דער אַפטייק און האָט געבראַכט „פראָש־קעס" און „גליצערינע" א גאַנצע פלאַש. די „פראָשקעס" מיט דער „גליצערינע" האָט ער אויסגעמישט אין א גאַנצן גרויסן טאָפּ. דעם טאָפּ מיטן געמישעכץ האָט ער פאַרוקט אין אויוון. די מאַמע האָט אַלע מינוט **געכאַפּט א קוק** צום אויוון. נאָכדעם האָט מען פאַוואָלינקע אַרויסגענומען דעם טאָפּ פונעם אויוון און מ'האָט פאַוואָלינקע אַריינגעגאָסן דאָס געמישעכץ אין פעסל וואַסער אַריין. אַז דאָס פעסל איז געוואָרן אָנגעפילט העכער האַלב, האָט מיין ברודער עליע **א זאָג געטאָן:** „גענוג"! און האָט געהייסן שטילערהייט זיך ברענגען א פרישע פען מיט א ווייסן בויגן פאַפּיר. איינגעטונקענדי די פען אין פאַס און **געגעבן א שרייב** עפּעס אויפן פאַפּיר. דאָס אָנגעשריבענע האָט ער צוגעטראָגן פריער צו דער מאַמען, נאָכדעם צו מיין שוועגערן בראָכע. די ביידע האָבן **געגעבן א קוק** אַריין און **א זאָג** צו אים: „סע שרייבט!"

וואָס איז דער אונטערשייד:

געכאַפּט א קוק — געקוקט
א זאָג געטאָן — געזאָגט
געגעבן א שרייב — געשריבן
געגעבן א קוק — געקוקט
געגעבן א זאָג — געזאָגט

> אז די טוונג ווערט אָפגעכאפּט אפגיכ, זאָגט מענ: **כאפּנ א קוק, א זאָג טאָנ, געבנ א שרייַב** אונ נאָכ אזעלכע.
>
> כאפּנ א קוק
א זאָג טאָנ
געבנ א שרייַב
> } **אָפּגעכאפּטע ווערבנ.**

אופגאבע 201. דערשרייַבט אָפּגעכאפּטע ווערבנ: בייַסנ — א ביס טאָנ. דרייענ — ... לויפנ — ... שפּרינגענ — ... פאלנ — ... פּאָרג —... הוסטנ — ... שרייַענ — ...

אופגאבע 202. בייגט (מינדלעכ) אינ אלע דרייַ צייַטנ די ווערבנ:

א זאָג טאָנ, זיכ א וואָרפ טאָנ, א טרונק טאָנ.

אופגאבע 203. שרייַבט אָנ די בייגונג פונעמ ווערב **א שפּרונג טאָנ** (אינ אלע דרייַ צייַטנ).

פערטער קלאס

1. דערציייל־זאַץ, פרעג־זאַץ, אויסרופֿ־זאַץ

אויפגאבע 1.

אונדזער לאנד הייסט סאָוועטנפארבאנד.

ארום אונדזער לאנד געפינען זיך אנדערע לענדער. טוט א פרעג די איינ־ וווינער פון יענע לענדער:

— ווער איז אייער שאָכן?

וועלן זיי ענטפערן:

— דער סאָוועטנפארבאנד.

טוט זיי א פרעג:

— וואָס איז דער סאָוועטנפארבאנד?

וועלן אייניקע ענטפערן:

— דאָס איז אונדזער ערגסטער סוינע.

און אנדערע וועלן ענטפערן:

— דאָס איז אונדזער בעסטער פריינט.

פרעגט די איינע:

— פארוואָס איז ער א סוינע?

וועלן זיי ענטפערן:

— דאָרטן זיצן באָלשעוויקעס.

פרעגט די אנדערע:

— פארוואָס איז ער א פריינט?

וועלן זיי ענטפערן:

— דאָרטן זיצן באָלשעוויקעס.

וואָס פאר א צייכנס שטייען אין סאָף פון יעדן זאַץ?
וואָס איז דער אונטערשייד צווישן די זאַצן מיט פונקטן און מיט פרעגצייכנס? וויאַזוי רעדט מען ארויס די זאַצן מיט פונקטן און וויאַזוי רעדט מען ארויס די זאַצן מיט פרעג־צייכנס?

אופגאבע 2.

שרײַבט ארויס די זאצן מיט אויסרופצייכנס.

קינדער־שפּיל

אפּן הויף איז ארופגעלאָפן א לעבעדיקע כעוורע ייִנגלעך. זיי זײַנען אַלע געווען צעשויבערט, צעהיצט, פארפלאמט פון לויפן. טוליע איז דער ערשטער צוגעלאָפן, קימאט צוגעפאלן צו דער גרויסער צעטריקנטער פאס און האָט הילכיק א פאטש געטאָן איבער די קלעפקעס:

— טרא־טא־טא — סיאָמקע וועט זײַן דער זוכער!

סיאָמקע האָט געשריִען:

— באהאלט זיך! נאָר גיך!

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו דער צעטראסקעטער רייף און האָט זיך מיט ביידע הענט פארשטעלט די אויגן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן אויסזינגען:

— איינס, צוויי, איך גיי! דרײַ פיר, באהאלט זיך אלע פון מיר! פינף, זעקס, זיבן, קיינער איז שוין ניט געבליבן? אכט, איך האָב די אויגן פארמאכט.

> פאראן דערצייל־זאצן, פרעג־זאצן, אויסרופ־זאצן.

2. באפעל־פאָרמע

דו לייענסט שלעכט. לייען בעסער.

פארגאנגענהייט — דו האָסט געלייענט.
קעגנווארט — דו לייענסט.
צוקונפט — דו וועסט לייענען.

לייען — **באפעל־פאָרמע.**

ווי לייענט איר? — לייענט בעסער!

רעכטס איז **לייענט** א קעגנווארט, לינקס — א באפעל־פאָרמע.

באפעל: **איינצאָל** — לייען,
מערצאָל — לייענט.

> אין באפעל איינצאָל איז פאראן נאָר די טעמע. אין באפעל מערצאָל קומט צו די פלעקסיע **ט**.

אופגאַבע 3. דערשרײַבט באַפֿעל־פֿאָרמעס אײנצאָל און מערצאָל:

גײן	גײ	גײט
זען	—	—
קומען	—	—
שרײַען	—	—
קלינגען	—	—
זינגען	—	—
האָרעווען	—	—
שלאָפֿן	—	—

שטײט אויף, איר אַלע װער װי שקלאַפֿן
אין הונגער לעבן מוז, אין נױט!

אינפֿיניטיװ — אױפֿשטײן.
קעגנװאַרט — מיר שטײען אױף.
באַפֿעל־פֿאָרמע — שטײט אױף.

> דער **צוגאָב** קומט אין קעגנװאַרט און אין באַפֿעל־פֿאָרמע נאָכן װערב, אין אַנדערע פֿאַלן — אין אָנהײב װערב.

אופגאַבע 4. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די באַפֿעל־פֿאָרמעס (מיטן צוגאָב):

כאַװײרים, הערט אױס, װאָס איך זאָג אײַך, און פֿאָלגט.
איר װילט, אײַער טראַקטער זאָל גײן מיט דערפֿאָלג?
טאָ היט יעדעס רעדל און היט יעדן טײל,
פֿאָרן גײן אױף דער אַרבעט באַשמירט אים מיט אײל.

אופגאַבע 5. שרײַבט איבער דאָס אײגענע אין אײנצאָל: כאַװער, הער אױס...

אײנצאָל: פֿאָלג! היט!
מערצאָל: פֿאָלגט! היט!

> אויב אין באַפֿעל־פֿאָרמע אײנצאָל איז צום סאָף א ט, קומט אין מערצאָל גאָרניט צו.

שטאָלענע רײען, כאַװײרים, שמידט אױס!
די רעװאָליוציע רופֿט אונדז פֿאָרױס!

אײנצאָל: היט! שמיד!
מערצאָל: היט! שמידט!

> אויב אין באפעל־פֿאָרמע איינצאָל איז צום סאָף א ד, איז
> אין מערצאָל — דט.

אופגאבע 6. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די באפעל־פֿאָרמעס:

וואָס רעדט איר? רעדט, רעדט, איך הער.
ווי פארבינדט איר א קנופּ? פארבינדט שטארקער!
לאָזט ניט דעם סוינע ארונטערײַסן די ארבעט פון קאָלווירט!
לאָז — לאָזט.

פארוואָס שרײַבט זיך **לאָזט** מיט א ז?

אופגאבע 7. שרײַבט איבער די קלאָלים פון געזונט־פארהיטונג און שטרײַכט אונטער די באפעל־פֿאָרמעס (צוזאמענ מיט די צוגאָבנ און מיטנ וואָרט זיך).

זײַ ריינ. וואש זיך יעדנ פרימאָרגנ. רייניק די ציינ. ווישּ זיך אָפּ מיט א באזונדער האנטעך. פארנ עסנ וואש די הענט. די וועש בײַט אָפּט. דעם צימער לופטער דורך. לייג זיך פרי שלאָפנ. שטיי אופ פרי.

אופגאבע 8. מאכט איבער דאָס זעלביקע אינ מערצאָל.

אופגאבע 9.

1. דו לייענסט שלעכט, לייענ בעסער.
2. זאָג מיר, פונוואנענ ביסטו?
3. — כאיִם, גיב מיר אפּ א ווײַלע דײַנ בלײַער.
4. — נעמ, וואָלאָדיע!

1. ער **הייסט** אימ לייענענ בעסער.
2. ער **לייגט פאָר** דעם יינגל, ער זאָל זאָגנ, פונוואנענ ער איז.
3. וואָלאָדיע **בעט** בא כאיִמענ דעם בלײַער.
4. כאיִמ **דערלויבט** נעמענ דעם בלײַער.

> די באפעל־פֿאָרמע קאָנ באטײַטנ: אז מע הייסט, אז מע לייגט פאָר, אז מע בעט, אז מע פאָדערט און נאָך.

שטעלט אופ בײַשפּילנ מיט די פארשיידענע באטײַטנ פון באפעל־פֿאָרמע.

אופגאבע 10. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די באַפעל־פאָרמעס:

וויִאזוי לייענע אויסדריקלעך.

1. לייען קלאָר, שארף און ריכטיק.
2. לייען מיט אזא טאָן, אזויווי דו רעדסט.
3. אײַל זיך ניט באם לייענען.
4. לייג אכט אפ די אָפּשטעל־צייכנס.
5. בא א פּונקט שטעל זיך אָפּ; בא אן אָפּזאץ שטעל זיך אָפּ נאָך לענגער.
6. בײַט דעם טאָן, ווען מע דארף. גיב איבער מיט דער שטימע פארשיידענע געפילן, ווי עס געהער צו זײַן. זאָג ניט וויינענדיק: „ס'איז מיר הײַנט שטארק פריילעך", און רוף ניט מיט פרייד: „ווי אומעטיק דאָ איז!"

אופגאבע 11. מאכט עס איבער אין מערצאָל.

3. ווענדונג

אופגאבע 12.

הערשעלע זאָגט צו מוישע־יאָסיען:

— מוישע־יאָסיע, דו ווילסט זײַן קראנק?

— ניין! — ענטפערט מוישע־יאָסיע אָפּ.

— זאָג יאָ, נארעלע, טאקע אָן קאטאָוועס. דו זײַ קראנק, און איך וועל דיר געבן רעפועס. נו, דו ווילסט?

— איך וויל, הערשעלע, איך וויל בעסער עסן.

— עסן? עסן, מוישע־יאָסעלע, האָב איך ניט, נאָר צוזאָגן אפ שפּעטער, אמאָל — יאָ, זאָג איך צו. נו, ווע‌סטו שוין זײַן קראנק, יאָסעלע?

> אז מע ווענדט זיך צו עמעצן און מע רופט אים דערבײַ אָן, צי באם נאָמען, צי ניט באם נאָמען, הייסט עס — **ווענדונג.**

געפינט אין דער פריערדיקער דערציילונג 5 ווענדונגען. באמערקט די קאָמעס בא די ווענדונגען.

מײַן קינד, צו וואָס לויפסטו אין וואלד?
צו וואָס, מײַן קינד, לויפסטו אין וואלד?
צו וואָס לויפסטו אין וואלד, מײַן קינד?

בא א ווענדונג שטעלט מען פונביידע זײַטנ קאָמעס. אויב די ווענדונג איז אינ אָנהייב אָדער אינ סאָפ זאצ, שטעלט מענ נאָר איינ קאָמע.

אָקטיאבערלעכ און פּיאָנערנ, ווײַזט אַלעמענ א מוסטער פונ א גוטער ארבעט!

פּראָלעטאריער פונ אַלע לענדער, פאראייניקט זיכ!

א ווענדונג קאָנ באשטיינ פונ מער ווי איינ וואָרט.

אופגאבע 13. שרײַבט אופ דרײַ זאצנ מיט ווענדונגענ: אינ איינעם זאָל די ווענדונג זײַנ אינ אָנהייב, אינ איינעם אינמיטנ, אינ איינעם אינ סאָפ. פארגעסט ניט די קאָמעס.

אופגאבע 14. שרײַבט איבער. שטרײַכט אונטער די באפעל־פאָרמעס מיט איינ שטריכ און די ווענדונגענ מיט צוויי שטריכנ.

גרייט זיכ, גרייט זיכ, פּיאָנערנ!
פּיאָנער, זײַ גרייט צו פארטיידיקנ דעמ סאָוועטנפארבאנד!
קומ, מישע, אינ אָטריאד!
כאוויירימ! מיר פילנ אויס דעמ צווייטנ פינפיאָר.

נאָכ א ווענדונג אינ אָנהייב זאצ קאָנ מענ אויכ שטעלנ אנ אויסרופצייכנ.

אופגאבע 15. שטעלט אופ זעקס לאָזונגענ מיט ווענדונגענ און באפעלנ.

אופגאבע 16. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די ווענדונגענ.

דאָנבאס, קוזבאס, אוראל, באקו, באטומ,
גיט אונדז קוילנ, אײַזנ, שטאָל, טשוהונ!
וואלד און פעלד, שטאָט און דאָרפ,
גיט אונדז רויוארג, גיט אונדז שטאָפ!

א ווענדונג קאָנ זײַנ ניט נאָר א נאָמענ פונ א מענטשנ.

4. אָביעקט; בייגונג פונ סובסטאנטיוו

אופגאבע 17.

מאשע זוכט.

מאשע זוכט ביילקענ.

וועמענ זוכט מאשע? — ביילקענ.

ביילקענ — אָביעקט.

שטעלט אופ א זאצ מיטנ סוביעקט ביילקע אונ מיט א וועלכנ ס'איז אָביעקט.

אופגאבע 18.

מאשע זוכט ביילקענ.

ביילקע זוכט מאשענ.

וואָס איז דער אונטערשייד צווישנ די צוויי זאצנ?

ווער זוכט? — מאשע (סוביעקט).

וועמענ זוכט זי? — ביילקענ (אָביעקט).

סוביעקט — ווער? אָביעקט — וועמענ?

א סובסטאנטיוו קאָנ זײַנ אינ זאצ א סוביעקט אונ קאָנ זײַנ אנ אָביעקט.

מאשע | נ

ביילקע | נ

טעמע — פלעקסיע

אופגאבע 19. דערשרײַבט די אָביעקטנ.

איכ האָב געזענ. . . . . (איציק)

ער האָט גערופנ. . . . . (כײַע)

כײַע כאפט . . . . . . (מישע)

איכ האָב געטראָפנ אינ גאס . (זעלדע)

אופגאבע 20. וואָס פאר א פלעקסיע איז בא די אָביעקטנ אינ דער אויסגעפילטער ארבעט פונ דער אופגאבע 19?

בערל זוכט ראָכלענ.

בערלענ זוכט ראָכל.

ווען אַן אייגננאָמען פון אַ מענטשן איז אַן אָביעקט, קומט צו צום סאָף די פלעקסיע ן אָדער ען.

אופגאַבע 21.

עמעצער דערציילט

דער טאַטע האָט געשיקט מישען אין שול (מישע איז געשיקט געוואָרן).

דער טאַטע האָט געשיקט מישען אַ מאַטאָנע (ניט מישע איז געשיקט געוואָרן).

מישע דערציילט

דער טאַטע האָט **מיך** געשיקט אין שול.

דער טאַטע האָט **מיר** געשיקט אַ מאַטאָנע.

פאַראַן צווייערליי **אָביעקטן — אקוזאַטיוו** און **דאַטיוו.**

מע דערציילט עמעצן

איך האָב געזען מישען.

איך האָב געהייסן מישען גיין.

מע דערציילט מישען

איך האָב **דיך** געזען.

איך האָב **דיר** געהייסן גיין אַהיים.

מיך, דיך זײַנען אָביעקטן אקוזאַטיוו.
מיר, דיר זײַנען אָביעקטן דאַטיוו.

בערלען זוכט **דער** ברודער.

בערל זוכט **דעם** ברודער. בערל גיט **דעם** ברודער אַ בלײַער.

סוביעקט — דער ברודער.

אָביעקט אקוזאַטיוו — דעם ברודער.

אָביעקט דאַטיוו — דעם ברודער.

אופגאַבע 22. שטעלט אויף צוויי זאַצן, אַז אין איינעם זאָל **דער כאַווער** זײַן אַ סוביעקט, אין צווייטן זאָל דאָס זײַן אַן אָביעקט (דער אָביעקט וועט זײַן ניט **דער** כאַווער, נאָר **דעם** כאַווער).

דאָס אייגענע מיט: דער שאָכן, דער אַרבעטער, דער פעטער, דער שמיד, דער קירזשנער.

אופגאַבע 23.

די שוועסטער האָט געזוכט מאַשען.
מאַשע האָט געזוכט די שוועסטער.
מאַשע האָט דערלאַנגט **דער** שוועסטער אַ גאָפּל.

סוביעקט — די שוועסטער.
אָביעקט אַקוזאַטיוו — די שוועסטער.
אָביעקט דאַטיוו — דער שוועסטער.

אופגאַבע 24. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די סוביעקטן מיט איין שטריך, און די אַקוזאַטיוון מיט צוויי שטריכן.

דער לערער האָט אַרויסגערופן מישען. דער בעלעכער האָט געפרעגט דעם שמיד. מאַשען האָט געזוכט די שוועסטער. די שנײַדערקע האָט באַגעגנט דעם פעטער. דער פעטער האָט באַגעגנט די שנײַדערקע.

בײַ אַ סוביעקט אַ סובסטאַנטיוו פון ערשטן מין איז דער באַשטימיקער אַרטיקל **דער**, בײַ אַן אַקוזאַטיוו **דעם**, בײַ אַ דאַטיוו אויך **דעם**.
בײַ אַ סוביעקט אַ סובסטאַנטיוו פון צווייטן מין איז דער באַשטימיקער אַרטיקל **די**, בײַ אַן אַקוזאַטיוו אויך **די**, בײַ אַ דאַטיוו **דער**.

צום געדענקען: איך זע דעם ברודער און די שוועסטער.
איך זאָג דעם ברודער און דער שוועסטער.

אופגאַבע 25. שרײַבט איבער און דערשרײַבט די אָביעקטן פון מערצאָל:

	I מין	II מין	מערצאָל
סוביעקט	דער כאַווער	די כאַווערטע	די כאַווײרים
אָביעקט אַקוזאַטיוו	דעם כאַווער	די כאַווערטע	. . . .
אָביעקט דאַטיוו	דעם כאַווער	דער כאַווערטע	. . . .

אופגאַבע 26. שרײַבט איבער און דערשרײַבט די אָביעקטן מיטן אומבאַשטימיקן אַרטיקל:

	I מין	II מין	מערצאָל
סוביעקט	אַ כאַווער	אַ כאַווערטע	כאַווײרים
אָביעקט אַקוזאַטיוו	. . . .	. . . .	. . . .
אָביעקט דאַטיוו	. . . .	. . . .	. . . .

אופגאבע 27.

דעמ/דער ברודער האָט די שוועסטער באַגעגנט אינ טראַמוויי.

וואָס איז דער אונטערשייד, צי מע וועט לייענענ **דער** צי **דעמ**?

אופגאבע 28.

א דאָקטער היילט קראַנקע.

די מאַמע האָט גערופנ א דאָקטער.

ווו איז אינ ערשטנ זאצ דער סוביעקט? וואָס איז דער **דאָקטער** אינ צווייטנ זאצ?

פארבייט אינ ביידע זאצנ די אומבאשטימיקע ארטיקלענ אפ באשטימיקע.

בייגונג פונ סובסטאנטיוונ

אייגננעמענ פונ מענטשנ

סוב.	זעלדע	מאָטל
אָב. אק.	זעלדענ	מאָטלענ
אָב. דאט.	זעלדענ	מאָטלענ

ניט-אייגננעמענ

סוב.	I מינ	דער ברודער	א ברודער
אָב. אק.		דעמ ברודער	א ברודער
אָב. דאט.		דעמ ברודער	א ברודער
סוב.	II מינ	די שוועסטער	א שוועסטער
אָב. אק.		די שוועסטער	א שוועסטער
אָב. דאט.		דער שוועסטער	א שוועסטער
סוב.	III מינ	דאָס קינד	א קינד
אָב. אק.		דאָס קינד	א קינד
אָב. דאט.		דעמ קינד	א קינד

> בא א סוביעקט פונ III מינ איז דער באשטימיקער אַרטיקל **דאָס**, בא אנ אקוזאטיוו — אויכ **דאָס**, בא א דאטיוו — **דעמ**.

אופגאבע 29.

מאַשע זוכט **ביילקענ**.

מאַשע רעדט מיט **ביילקענ**.

מאַשע הייסט **ביילקענ** גיינ אהיימ.

ווער? — **סוביעקט**, ועמענ? — **אָביעקט**, מיט ועמענ? — **אָביעקט**.

וואָס איז **מיט**?

בערל גיט דעם ברודער א בלײַער.
בערל נעמט בא דעם ברודער א בלײַער.
בערל קויפט פארן ברודער א העפט.

אן אָביעקט א דאטיוו קען זײַן אָן א פרעפּאָזיציע אָדער מיט א פּרעפּאָזיציע.

אופגאבע 30. וועלכע פון די ווערטער קאָנען זײַן סוביעקטן, און וועלכע קאָנען זײַן אָביעקטן?

דער לערער, דער לערערקע, דער פעטער, דער מומע, דער פיש, דער שאפע, דער וואנט, דער גאס, דער פּלאַץ, דער מויער.
שטעלט אופ זאצן מיט די דאָזיקע ווערטער.

אופגאבע 31. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די אקוזאטיוון און די דאטיוון.

1905 יאָר

דעם 9־טן יאנואר 1905 יאָר זײַנען אין פעטערבורג די ארבעטער אוועק צום קייסער בעטן, ער זאָל גרינגער מאכן זייער שווער לעבן. דער קייסער האָט די ארבעטער צעשאָסן. דעמלט האָבן די ארבעטער אָנגעהויבן א קאמף. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די פאבריקן, די זאוואָדן און די באנען.
אין דעקאבער 1905 יאָר האָבן די ארבעטער געמאכט אן אופשטאנד. מיטן אופשטאנד האָבן אָנגעפירט די באָלשעוויקעס. מע האָט געבויט באריקאדן, געפירט גאסן־שלאכטן.
דעם קייסערס רעגירונג האָט דעם אופשטאנד דערשטיקט.
דער כאווער לענין האָט געזאָגט:
לאָמיר געדענקען דעם פּרווו און גרייטן זיך צו א נײַעם אופשטאנד.

אופגאבע 32. שטעלט אופ זאצן, אין וועלכע די דאָזיקע סובסטאנטיוון זאָלן זײַן אמאָל סוביעקטן, אמאָל אקוזאטיוון און אמאָל דאטיוון.

ראָכל, מאניע, לייזער, ברעגמאן, דער ברודער, די ברידער, די קינדער.

אופגאבע 33.
דעם גאנעק האָט פאריכט דער סטאָליער.

אפ וועלכן אָרט אין זאצ שטייט דער אָביעקט?
טראכט צו פינפ זאצן מיט אָביעקטן אפן ערשטן אָרט.

5. בייגונג פון פּראָנאָמ

אופגאבע 34.

א בריוו קיינ אמעריקע

מײַנ ליבער ברודער שימען. **איך** האָב שוינ לאנג פון **דיר** קיינ בריוו ניט געהאט. **איך** האָב **דיך** אָנגעפרעגט, וואָס **דן** מאכסט. ענטפערסטו ניט. דײַנ שווײַגנ וווּנדערט **מיך** זייער. וואָס קאָנ דאָס זײַנ? דווירע האָט א זונ אינ לאָנדאָנ, שמועל הייסט **ער**, האָט זי פונ **אים** ניט קיינ גוטע גערוסנ. **איך** האָב זי אנומלטנ געפרעגט, דערציילט זי, אז **ער** איז אָנ ארבעט. מע האָט **אים** אונ אסאך ארבעטער ארויסגעטריבנ פונ פאבריק אונ **ער** גייט ארומ ליידיק. שרײַב, צי האָסטו ארבעט? פונ מיר וועסטו באקומענ אנ ענטפער גלײַך.

מיכל.

שרײַבט ארויס די אויסגעטיילטע ווערטער אינ צוויי רובריקעס: סוביעקטנ, אָביעקטנ.

אופגאבע 35. דערשרײַבט די אָביעקטנ:

סוביעקט	איך,	דו,	ער,	זי.
אָביעקט אקוזאטיוו	—	—	—	—
אָביעקט דאטיוו	—	—	—	—

אופגאבע 36. שרײַבט איבער אונ שטרײַכט אונטער די אָביעקטנ־אקוזאטיוונ:

די מאשינ איז אונדזער כאווער,
היט זי, היט זי אָפּ פונ זשאווער!
וואש זי, שמיר זי, פוצ זי אָפּ.
היט זי, ווי דאָס אויג אינ קאָפּ.

אופגאבע 37. שרײַבט איבער אונ שטרײַכט אונטער די אקוזאטיוונ מיט צוויי שטריכנ, אונ די דאטיוונ מיט איינ שטריך.

— ווער האָט מיך גערופנ?

— איך האָב דיך גערופנ. איך דארפ דיך האָבנ. איך וויל דיר איבערגעבנ, דו זאָלסט צוגרייטנ מיט די אָקטיאבערלעך א דעקלאמאציע.

— גוט. וואָס נאָך ווילסטו מיר זאָגנ?

— אז דו וועסט זענ מאשענ, זאָלסטו איר זאָגנ, אז איך רופ זי.

— אפ וואָס דארפסטו זי?

— שיק זי צו מיר, וועל איכ איר אויכ געבנ אנ ארבעט.
— וואָס פאר אנ ארבעט וועסטו איר געבנ?
— צונויפשטעלנ מיט מיר צוזאמענ דעמ פלאקאט.
— גוט. איכ וועל זי אופזוכנ אונ וועל איר זאָגנ, אז דו רופסט זי.

אופגאבע 38. קלייבט אויס דאָס פאסיקע וואָרט פונ די קלאמערנ:

איכ האָב (דיכ/דיר) געגעבנ א העפט. דער טאטע האָט (מיכ/מיר) געבראכט א ביכל. (זי/איר) וועט שוינ קיינער ניט גלייבנ. דער ברודער האָט (מיכ/מיר) געלערנט שרייבנ. איכ גיב (דיר/דיכ) איבער דעמ שמועס. דו קענסט (זי/איר)? מיר האָבנ (דיכ/דיר) גערופנ (מיכ/מיר) האָט מענ ארייַנגעפירט אינ מוזיי. הייס (זי/איר) אוועקגייַנ. ווייַז (מיר/מיכ) דייַנ מעסערל. וואָס וועסטו (זי/איר) זאָגנ? ווענ וועסטו (זי/איר) זענ? ווענ קומסטו מיט (זי/איר) צו (מיכ/מיכ)? שענק (מיכ/מיר) אוועק דעמ מעקער. איכ האָב (דיכ/דיר) געשיקט צו די כאווייִרימ איבערגעבנ, זיי זאָלנ אפ (מיכ/מיר) ניט ווארטנ.

אופגאבע 39.

שפאס

— איר האָט בא איר געליִענ א גלאָז.
ווענ וועט איר איר גלאָז אומקערנ?

פארוואָס שטייט דאָ דרייַ מאָל „איר"?

אופגאבע 40.

דאָוויד האָט אימ געפונענ, געגעבנ אימ א כיילעק, אויסגעזידלט אימ אונ געהייסנ אימ גייַנ אהיימ.

ווו זייַנענ דאָ אקוזאטיוונ, אונ ווו דאטיוונ?
(פארבייַטנ **אימ** אפ **מיר, דיר** אָדער אפ **מיכ, דיכ**).

אופגאבע 41. דערשרײַבט:

איך זאָג סימענ	סימע זאָגט מיר
דו	סימע . . . .
ער	סימע . . . .
מיר	סימע . . . .
איר	סימע . . . .
זיי	סימע . . . .

אופגאבע 42. דערשרײַבט:

אלע זײַנענ געקומענ אינ שול: אי איך, אי דו, אי ער, אי זי. אלעמענ האָט דער לערער אויסגערופנ: אי . . . . , אי . . . . . , אי . . . . אי . .

אופגאבע 43. דערשרײַבט:

אונדז ביידנ, מיך אונ דיך, האָט הײַנט דער לערער אויסגערופנ . . . ביידנ, . . אונ . . , האָט דער לערער געהייסנ שרײַבנ אפנ טאָוול.

אופגאבע 44.

זי אונ ער באַנעמענ דעם לימעד גרינג, אונ איך באַנעם אים שווערלעך. איר אונ אים איז דער לימעד גרינג, אונ מיר איז ער שווערלעך.

קלײַבט פאַנאַנדער, וועלכע פונ די דאָזיקע פראָנאָמענ זײַנענ אָביעקטנ־אקוזאטיוונ, אונ וועלכע זײַנענ אָביעקטנ־דאטיוונ.

אופגאבע 45. שרײַבט איבער:

בייגונג פונ די פראָנאָמענ: איך, דו, ער, זי, מיר, איר, זיי.

סוביעקט	איך	דו	ער	זי	מיר	איר	זיי
אָביעקט אקוזאטיוו	מיך	דיך	אים	זי	אונדז	אײַך	זיי
אָביעקט דאטיוו	מיר	דיר	אים	איר	אונדז	אײַך	זיי

אופגאבע 46. שרײַבט איבער דעם בריוו קיינ אמעריקע פונ דער אופגאבע 34, אונ שטרײַכט אונטער יעדער פרעפּאָזיציע מיט איינ שטריך, אונ דאָס וואָרט (סובסטאנטיוו אָדער פראָנאָמ), וואָס איז נאָך דער פרעפּאָזיציע, מיט צוויי שטריכנ.

אופגאבע 47. שטעלט אוף זאצן מיט די ווערטער: צו מיר, נאָך מיר, וועגן מיר, הינטער מיר, אין מיר, אף דיר, צוליב דיר, פאר דיר, וועגן דיר, איבער אים, אַנשטאָט איר, ארום אים, וועגן איר, כוץ אים, פאר אים. ווו זײַנען דאָ פּרעפּאָזיציעס, און ווו פּראָנאָמען?

אופגאבע 48. שרײַבט איבער און אַנשטאָט די ווערטער אין די קלאַמערן שטעלט די ריכטיקע ווערטער:

איך רייד צו . . . (ער)
ער רעדט צו . . . (דו)
דו רעדסט צו . . (זי)
זי רעדט צו . . . (איר)

אופגאבע 49. דערשרײַבט **מיך** אָדער **מיר**:

ער קוקט אף . . . . . .
ער זעט . . . .
ער לויפט נאָך . . . . .
ער כאפּט . . . . . .

אופגאבע 50.

וועלוול יאָגט זיך נאָך **מיר** און וויל **מיך** כאפּן, אָבער איך אנטלויף. שרײַבט עס איבער דרײַ מאָל, פאַרבײַטנדיק איין מאָל **איך** אף **דו**, א צווייטן מאָל אף **ער**, א דריטן מאָל אף **זי**.

אופגאבע 51.

וועלוול יאָגט זיך נאָך **מיר**. **מיר** מאָלן.
וואָס איז דער אונטערשייד פון ערשטן **מיר** ביזן צווייטן?

אופגאבע 52. דערשרײַבט די פאַרפעלטע ווערטער:

וועלוול יאָגט זיך נאָך אונדז און וויל . . . כאפּן, אָבער . . . אנטלויפן.
וועלוול יאָגט זיך נאָך אײַך און וויל . . . כאפּן, אָבער. . . . אנטלויפט.
וועלוול יאָגט זיך נאָך זיי און וויל . . . כאפּן, אָבער. . . . אנטלויפן.

אופגאבע 53.

איך האָב דיך געזוכט און געזוכט, ענדלעך האָב איך דיך דערזען כּונדערווײַטן. ביז איך צו דיר צוגעגאנגען, און דו גענומען און גייסט אוועק.
שרײַבט איבער, פאַרבײַטנדיק **דו** אף **ער**, דערנאָך אף **זי**, אף **איר**, אף **זיי**.

אופגאבע 54. דערשרײַבט, וווּ מע דארפ, **מיכ, דיכ, זי,** אונ וווּ מע דארפ — **מיר, דיר, איר**:

איכ בינ געוועננ באַ ליזענ, האָב
איכ . . . ניט געטראָפנ אינדערהיימ.
איכ וועל מוזנ גיינ צו . . . נאָכאמאָל.
ער איז געקומענ צו . . . אונ גערופנ
. . . . גיינ שפּאצירנ.

בוזי רעדט צו . . . אונ אירע אוינג לאכנ.
עס פארדריסט . . . . . וואָס זי לאכט
פונ . . . .

נעמט זי . . . . . . אָנ באַ דער האנט אונ זאָגט
צו . . . . : שימעק!

— איכ האָב צו . . . א ביטע: בלײַב מיט
. . . א ווײַלע.
— אָבער די מאמע וועט דאָכ... זוכנ.

טאָמער טרעפ איכ . . . דאָ נאָכאמאָל,
וועל איכ . . . אזוי אָנלערנענ, אז דו
וועסט האָבנ צו געדענקענ.

זי האָט . . . אָנגערופנ באַמ נאָמענ,
נאָר איכ האָב . . . אָנ קאָל ניט דערקענט.
ערשט, אז כ׳האָב א קוק געטאָנ אפ . . .
האָב איכ . . . דערקענט.

איר
זי
מיכ
מיר

מיכ
מיר
מיכ

מיר
מיכ

דיכ
מיכ
מיר

דיר
דיכ

מיר
איר
זי
איר

אופגאבע 55. דערשרײַבט:

דו גייסט צו מיר	איכ גיי צו דיר
דו פרעגסט מיכ	איכ פרעג . . . . .
דו ענטפערסט מיר	איכ ענטפער . . . .
דו דערציילסט מיר	איכ דערצייל . . . .
דו קוקסט אפ מיר	איכ קוק אפ . . . .

אופגאבע 56. שרײַבט איבער אונ שטרײַכט אונטער די אויסגעטייל־טע ווערטער; איבער זיי שרײַבט אָנ ס. (סוביעקט), א. (אקוזאטיוו), ד. פּ. (דאָטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע).

קארל מארקס

העכער 50 יאָר צוריק איז געשטאָרבן **קארל מארקס**. ווער איז **ער** געווען? **מארקס** האָט צוזאמען **מיט זײַן פרײַנט** פרידריך ענגעלס גע-לערנט, אז **די ארבעטער** דארפן אײַנפירן **קאָמוניזם**. נאָר פריִער דארפן זיי אָפּנעמען **די מאכט בײַ די קאַפּיטאַליסטן**.

אין מארקס צײַטן זײַנען נאָך **די ארבעטער** ניט געווען אזוי שטארק און אָרגאניזירט, אז זיי זאָלן דאָס קאָנען אויספירן. דאָס איז פאָרגעקומען שפּעטער, אין לענינס צײַטן.

לענין און סטאלין האָבן באַרײַכערט מארקס און ענגעלסעס **לערע**. **בײַ מארקסן, ענגעלסן, לענינען און סטאלינען** לערנען זיך אַלע קאָ-מוניסטן.

אויפגאבע 57. אין איינעם פון די ווײַטערדיקע זאצן איז פאראן גרײַזן. געפינט זיי.

מיר געפעלט די זאך.
מיר אינטערעסירט די זאך.
מיר פארכאפּט די זאך.
מיר וואונדערט די זאך.
מיר איז אָפּ אים א וואונדער.
מיר באפרידיקט עס.
מיר באומרויִקט עס.

6. פּאַסעסיוו

אויפגאבע 58.

בײַ **מאניען** איז פאראן א ייִנגל.
מאניע בעט דאָס ייִנגל העלפן איר אין דער ארבעט.
מאניעס ייִנגל העלפט דער מאמען ברויט פארמישן.

פון די דרײַ אויסגעטײלטע סובסטאנטיוון איז איינער א סובייעקט (וועלכער?), איינער אַן אָביעקט (וועלכער?) און איינער א **פּאַסעסיוו**.

> אז א סובסטאנטיוו ענטפערט אויף דער פראגע **וועמעס?**
> און באקומט די פלעקסיע ס — איז עס א **פּאַסעסיוו**.

אופגאבע 59. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די פּאָסעסיוון:

מיר האָבן געלייענט שאָלעם־אלייכעמס דערציילונגען. הערשלס זון פּירט פאַר א שטריקל א שווארצע בעהיימע. רעכטס פון גאָרטן שטייט לוכטאנס פלויט מיט די ווײַנשל־ביימלעך. זאלמענס הארבארניע שטייט לעבן קלימס שטוב. זינט ער לעבט, קלים, האָט ער קיין קוואָרט דזועגעכץ ניט געקויפט. אפ זײַן ערד שטייט דאָך די הארבארניע, שמירט ער דאָרט די שטיוול שוין היפשע עטלעכע צענדליק יאָר: די אייגענע שטיוול, דעם ווײַבס און דער גאנצער מישפּאָכעס.

אופגאבע 60. מאכט איבער דעם סובסטאנטיוו אין קלאמערן אין א פּאָסעסיוו:

(דער שאָכן) קינדער. (דער כאווער) בוך. (טעוויע) מײַסעס. (די כאוויירים) מעלדונג. (די באָבע) מאטאָנע. (די יינגלעך) שטיפערײַען. (גאָרקי) בוך. (האָפּשטיין) לידער. (לענין) געבאָט. (סטאלין) רעדע.

אופגאבע 61. פארבײַט די סובסטאנטיוון מיט „פון” אפ פּאָסעסיוון:

דער באפעל פון קאָמאנדיר. די קראפט פון די ארבעטער. דער ארטיקל פון נאָטקען. די אָנמערקונג פון פּאָרזיצער. די געדיכטן פון פעפערן. די ווערטער פון רעדנער. די ווערק פון כאריקן. די היים פון פעטער.

מ ו ס ט ע ר: דער באפעל פון קאָמאנדיר — דעם קאָמאנדירס באפעל.

אופגאבע 62. קלײַבט אויס צו צוויי סובסטאנטיוון און איינעם פון זיי מאכט פאר א פּאָסעסיוו:

בוך, ברודער, הויז, זייגער, טיש, מישע, פויק, פּיאָנער, קינד, שפּילצײַג.

7. בייגונג פון אדיעקטיוו

אופגאבע 63.

דער בלעכער — א יונגער בלעכער.
די לערערן — א יונגע לערערן.
דאָס קינד — דאָס יונגע קינד.
די שניטער — יונגע שניטער.

יונג	ער
יונג	ע

טעמע   פלעקסיע

באמערקט, וואָס פאר א פלעקסיע האָט אן אדיעקטיוו אין I מין, אין II מין, אין מערצאָל. וואָס פאר פלעקסיעס האָט ער אין III מין?

אופגאבע 64. שרײַבט איבער, צוקלײַבנדיק די פאסיקע ווערטער פון רעכטס און פון לינקס:

א הילצערנער	שטעקל	א קלוגער	הינטל
א הילצערנע	טיש	א קלוגע	מענטש
א הילצערנ	וואנט	א קלוג	כײַע
א ווארעמער	קאָלדרע	א בלעכענער	רינווע
א ווארעמע	לײַבל	א בלעכענע	דעכל
א ווארעמ	אויוונ	א בלעכנ	עמער

אופגאבע 65. דערשרײַבט די פלעקסיעס. אין די קלאמערנ שרײַבט אָנ: ערשטער מינ, צווייטער מינ, דריטער מינ, מערצאָל.

א יונג... פאסטעכ ( ) א יונג... לערערקע ( ). א יונג... קעלבל ( ). יונג... קינדער ( ). א גלאט... וואנט ( ). א גלאט... ברוק ( ). גלאט.. שטיינער ( ). א גלאט... ברעטל ( ). א רויט... פאטשיילקע ( ). רויט.. שילדנ ( ). א רויט... האלדזטיכל ( ). א רויט... פלעק ( ).

מוסטער: א יונגער פאסטעכ (I מינ).

אופגאבע 66.

בערל איז געווענ קורצזיכטיק. איינמאָל גייט ער מיט קיווענ שפאצירנ, דערזעענ זיי פונווײַטנס אפ א גאנעק פונ א שטוב א גרויסנ הונט. זאָגט בערל: איכ האָב דאָ מוירע גיינ, דער גרויסער הונט קאָנ מיכ א ביס טאָנ. ענטפערט קיווע: ער וועט דיכ ניט בײַסנ. ערשטנס קוקט ער גאָר אינ אנ אנדער זײַט, צווייטנס טשעפּענ מיר אימ ניט, אונ דריטנס איז ער א הילצערנער.

1. דער גרויסער הונט קאָנ מיכ א ביס טאָנ.
2. דערזעענ זיי פונווײַטנס א גרויסנ הונט.
3. בערל האָט זיכ דערשראָקנ פארנ גרויסנ הונט.

געפינט אינ ערשטנ זאצ דעמ סוביעקט, אינ צווייטנ — דעמ אָביעקט אקוזאטיוו, אינ דריטנ — דעמ אָביעקט דאטיוו.

גרויס	**ער**	— בא א סוביעקט.
גרויס	**נ**	— בא אנ אקוזאטיוו.
גרויס	**נ**	— בא דאטיוו.

אופגאבע 67.

דאָרטנ שטייט א **גרויסע** שטוב.
מיר זעענ די **גרויסע** שטוב.
מיר גייענ צו דער **גרויסער** שטוב.

וועלכער מינ איז שטומ? וואָס פאר א פלעקסיע האָט דער אדיעקטיוו באמ סוביעקט? באמ אקוזאטיוו? באמ דאטיוו?

	I מינ	II מינ
בא א סוביעקט	גרויסער	גרויסע
בא אנ אקוזאטיוו	גרויסנ	גרויסע
בא א דאטיוו	גרויסנ	גרויסער

אופגאבע 68. שטעלט צו די נייטיקע אדיעקטיוונ: אינ די קלאמערנ שטעלט **ס.** (סוביעקט), **א.** (אקוזאטיוו), **ד.** (דאטיוו).

א **לעבעדיק** ווינקל איז זייער א טשיקאווע זאכ ( ). מיר האָבנ געשאפנ א .... ווינקל ( ). אינ דעמ ...... ווינקל האָבנ מיר אייניקע קראָליקעס ( ).

אינ גאס איז געגאנגענ א **יונגער** רויטארמייער ( ). מיר האָבנ געקוקט אפנ . . . . רויטארמייער ( ). נאָר מאָטל האָט ניט געזענ דעמ . . . . רויטארמייער ( ).

ניאָמע האָדעוועט א **יונגע** טויב ( ). דער . . טויב דארפ מענ געבנ עסנ ( ). א . . טויב עסט נאָר קליינע שטיקעלעכ ברויט אָדער פראָסע ( ).

כ'האָב געהערט וועגנ א **פלינקער** מאלפע ( ). כ'האָב געוואָלט זענ די . . מאלפע ( ). די . . מאלפע איז אינ זאָאָלאָגישנ גאָרטנ ( ).

די רעדקאָלעגיע האָט ארויסגעלאָזנ א **פרישנ** נומער וואנטצייטונג ( ). איבער דעמ . . נומער וואנטצייטונג האָט זי היפש געארבעט ( ). דערפאר איז דער . . . נומער וואנטצייטונג טאקע א שיינער אונ אינטערעסאנטער ( ).

אופגאבע 69. שרייבט אראָפ די בייגונג פונ אדיעקטיוו.

	איינצאָל			מערצאָל
	ערשטער מינ	צווייטער מינ	דריטער מינ	
סוביעקט	א יונגער ברודער	א יונגע שוועסטער	א יונג קינד	יונגע מענטשנ
אקוזאטיוו	א יונגנ ברודער	א יונגע שוועסטער	א יונג קינד	יונגע מענטשנ
דאטיוו	א יונגנ ברודער	א יונגער שוועסטער	א יונג קינד	יונגע מענטשנ

אופגאבע 70. שרײַבט איבער. שטרײַכט אונטער די אדיעקטיוון מיט איין שטריך, און זייערע פלעקסיעס מיט נאָך א שטריך.

דער גאנצער טאָג, די גאנצע דעקאדע, דאָס גאנצע יאָר זאָל געהערן דער סאָציאַליסטישער בויונג!

ארבעט פאר דער סאָציאַליסטישער בויונג א גאנצן טאָג, א גאנצע דעקאדע, א גאנצן יאָר! (דעם גאנצן טאָג, די גאנצע דעקאדע, דאָס גאנצע יאָר).

דער סאָציאַליסטישער בויונג די ארבעט פון א גאנצן טאָג, פון א גאנצער דעקאדע, פון א גאנצן יאָר!

מוסטער: דער גאנצער טאָג...

א גאנץ יאָר — דאָס גאנצע יאָר.

> אין דריטן מין איז דער אדיעקטיוו פארשיידן: נאָך אן אומבאשטימיקן ארטיקל האָט ער ניט קיין פלעקסיע, נאָך א באשטימיקן ארטיקל האָט ער די פלעקסיע ע.

אופגאבע 71. דערשרײַבט:

עס גייט א יונג... קאָמיוגיסט, א יונג... פּיאָנערקע, א יונג... אָקטיאבערל.
איך זע...
איך רייד מיט...

אופגאבע 72. שרײַבט איבער. שטעלט ארײַן דעם אדיעקטיוו מיט דער געהעריקער פלעקסיע:

ער איז פארנומען מיט אן (ערנסטע) ארבעט.
ער לאָזט זיך אין א (ווײַט) רײַזע.
דעם אדיעקטיוו דארף מען שרײַבן מיט דער (געהעריק) פלעקסיע.

אופגאבע 73. שטעלט אוף זאצן מיט די ווערטער: שיינער וועטער, ווײַטער וועג, קאלטער ווינטער, הויכער בארג מיט פרעפּאָזיציעס צו זיי.

אופגאבע 74. שרײַבט איבער, שטרײַכט אונטער די פּרעפּאָזיציעס:
אין קאמף קעגן די קלאסן-סאָנים וועלן מיר בײַקומען די שוועריקײַטן אין דער סאָציאַליסטישער בויונג.

אופגאבע 75. קלײַבט אויס פון דער דערציילונג די אדיעקטיוון און באשטימט זייער מין און בייגפאל.

אין די צײַטונגען האָט מען געשריבן: א סאָוועטישער אינזשעניער האָט צוגעטראכט אן אויסערגעוויינלעכן אעראָפּלאן — א שטארקן, א שנעלן, מיט דרײַ מאָטאָרן.

צוועלפ מענטשנ קאָנענ אינ אימ פליִענ.

דעמ אעראָפּלאַנ האָט מענ א נאָמענ געגעבנ „די פליגלענ פונ די סאָוועטנ״.
אפ די „פליגלענ פונ די סאָוועטנ״ פליט דער פליִער גראָמאָוו, א געוואגטער, א דרייסטער — אנ עמעסער סאָוועטישער פליִער.

אופגאבע 76. ענטפערט אפ די פראגעס פונ רעכטס מיט די ווערטער פונ לינקס:

מיט וועמענ האָסטו זיכ היינט אינדערפרי באגעגנט? — אנ אלטער כאווער.
וואָס האָט צוגעטראכט אונדזער אינזשעניער? — אנ אויסערגעוויינלעכער אעראָפלאנ.

וווהינ איז געפלויגנ דער אעראָפלאנ? — א ווייטע רייזע.
מיט וואָס פלעגט מענ אמאָל שרייבנ? — א גענדזענע פעדער.
וואָס האָט מענ דערנאָכ דערפונדנ? — א שטאָלענע פענ.

מוסטער: מיט אנ אלטנ כאווער.

אופגאבע 77. אינ איינציקע אדיעקטיוו איז דאָ צומ סאָפ פארפעלט א ר. שטעלט אימ צו.

פאר דער גאנצע צייט האָב איכ זיכ קיינ איינ מאָל ניט געגליטשט. אינ אונדזער קאָלווירט הערשט א גוטע באציִונג צו דער ארבעט. מיר באגריסנ די גוטע באציִונג. בא אזא גוטע באציִונג וועלנ מיר אויספילנ אונדזער פלאנ. פאר סאָרענ איז לערנענ שפראכ א גרינגע ארבעט. פונ אזא גרינגע ארבעט, זאָגט זי, פארמאטערט זי זיכ ניט. מיינ שוועסטערקינד געפינט זיכ אינ א גוטע מאטעריעלע לאגע.

8. אדווערב

מישע איז א **גוטער** שילער	מישע לערנט **גוט.**
ליזע איז א **שלעכטע** שילערנ.	ליזע לערנט **שלעכט.**

א **וועלכער** שילער? — א **גוטער** · **וויאזוי** לערנט ער? — **גוט.**

גוטער
שלעכטער } **אדיעקטיוונ**

גוט
שלעכט } **אדווערבנ**

א **גוטער** (אדיעקטיוו) **שילער** (סובסטאנטיוו) **לערנט** (ווערב) **גוט.** (אדווערב)

אן אדווערב איז אָפט ענלעך אף אן אדיעקטיוו, אָבער ער שיידט זיך פון אים אונטער: 1. אן אדווערב שטייט ניט בא א סובסטאנטיוו, נאָר בא א ווערב. 2. אן אדווערב ענטפערט ניט אף **וועלכער**? נאָר אף **ווי אזוי**?

אופגאבע 78. דערשרײַבט:

וועגן א זאך פרעגט מען א **וועלכער**? און מע ענטפערט מיט אן...
וועגן א טוונג פרעגט מען **ווי אזוי**? און מע ענטפערט מיט אן...

אופגאבע 79. קלײַבט פאנאנדער די אדיעקטיוון און די אדווערבן אין די זאצן:

דער קראנקער האָט א שווערן אָטעם, ער אָטעמט שווער.
די הײַנטיקע אופגאבע איז געווען א גרינגע.
איך האָב זי געלייזט גרינג און גיך.

אופגאבע 80. שרײַבט צו פאסיקע אדווערבן:

דער אווטאָמאָביל פאָרט...
דער וואָגן שלעפט זיך...
ער רעדט...
דו שרײַבסט...
זי זינגט...

באם קראנקן איז א שווערער אָטעם.
בא אים איז א שווערע קראנקײַט.
ער האָט נאָך אויסצושטיין א שווערן קריזיס.

ער אָטעמט שווער.

שווער	ער
שווער	ע
שווער	ן
שווער	

אן אדווערב האָט די זעלבע טעמע, וואָס אן אדיעקטיוו.
קיין פלעקסיע האָט ער ניט.

אופגאבע 81. טראכט צו 5 ווערבן (אינפיניטיוו) און צו יעדערן גיט צו פאסיקע אדווערבן.

אופגאַבע 82. שטעלט אוף זאַצן מיט די אַדווערבן: שיין, מיִעס, קלוג, נאַריש, ענערגיש, איבערגעגעבן, באַטראַכט.

אופגאַבע 83.

א הויכער מויער

איך בין **אַמאָל** געפאָרן צו מיין פעטער. ער וווינט אין מאָסקווע. **דאָרטן** וווינט ער אין א גרויסן מויער, א קאָמונע־הויז. איך האָב **ניי־גערִיק** געקוקט אפן מויער. איך האָב נאָך **קיינמאָל** ניט געזען אזא הויכן מויער. איך האָב פאַריסן דעם קאָפּ **אַרויף** און האָב **קוים** געזען דעם דאַך. אזא הויכער מויער איז דאָס! א מויער פון אַכט שטאָק. און דער פעטער וווינט אפן אַכטן שטאָק.

ארופגיין **צופוס**—ווערסטו בלייבן אָן קויכעס. איז פאַראַן אזא אייזערנע שטייג, וואָס ציט זיך פון **אויבן** ביז **אַראָפּ**. אין שטייג הענגט א שטיבעלע מיט א ווייכן דיוואַנטשיק. דאָס רופט מען ליפט. פאַרמאַכסטו די טירלעך, טוסט א קוועטש א קנעפּל, טוט דיך א הייב און א טראָג **אין דער הייך**. עפנסט די טירלעך — אהא! דו ביסט שוין אפן אַכטן שטאָק.

שטעלט אוף פראַגעס און ענטפערט מיט די ווערטער, וואָס זיינען אויסגעטיילט אין דער דערציילונג.

מוסטער: ווען בין איך געפאָרן? — אַמאָל.

> פאַראַן אַדווערבן, וואָס זיינען ניט ענלעך אפ אַדיעקטיוון. זיי שטייען אויך בא ווערבן, אָבער זיי ענטפערן אפ די פראַגעס **ווו? ווען? וווהין? פונוואַנען?** און אנדערע. זיי ענטפערן אויך אפ דער פראַגע **וויאַזוי?**

אופגאַבע 84. געפינט צווישן די אַדווערבן פון דער דערציילונג „א הויכער מויער“ איינעם, וואָס איז ענלעך אפ אן אַדיעקטיוו.

אופגאַבע 85. שרייבט איבער די דערציילונג „א הויכער מויער“ און שטרייכט אונטער די סובסטאַנטיוון מיט איין שטריך, די ווערבן מיט צוויי, די אַדיעקטיוון מיט דריי.

אופגאַבע 86. שטעלט אוף זאַצן מיט די אַדווערבן: אַהער, אַהין, אַהיים, אַוועק, אַראָפּ, אַרוף.

דאָס איז געווען **אַמאָל**. | כ'האָב שוין **א מאָל** צען געזאָגט.

אהיים, אמאָל, אקלאל, אשטייגער—שרײַבן זיך **צוזאמען**, ווען זיי זײַנען **אדווערבן**. ווען זיי זײַנען אָבער **סובּ־סטאנטיוון** מיטן אומבאשטימיקן ארטיקל, שרײַבן זיי זיך **באזונדער**.

אויפגאבע 87. טראכט צו בײַשפּילן מיט די ווערטער אהיים — א היים א. אז. וו. (לויט די ווערטער פונעם קלאל).

אויפגאבע 88. שטעלט אויף זאצן מיט די ווײַטערדיקע אדווערבן און גרופּעס ווערטער:

אדווערבן

איידערנעכטן, איבערמאָרגן,
איבעראיאָר, פאראיאָרן,
איבעראנײַס, אפסנײַ, נאָכאמאָל
אינדערפרי, באטאָג, פארנאכט,
באנאכט, אינאָוונט,
אינגאנצן, איניינעם,
אינדערמיט, אינמיטן,
אינדערליכטיק, אינדערפינצטער,
פונדערווײַטנס,
אלעמאָל, אָפטמאָל,
אלציינס, אפצולאָכעס,
דערבײַ, דערמיט, דערנאָך,
מיטאמאָל, צופוסנס, צוקאָפּנס.

גרופּעס ווערטער

איבער צוויי יאָר, איבער דרײַ יאָר,
אין אָנהייב, אין סאָף, צום סאָף,
אין דער היים, אין גאס, אין שול,
וואָס מער, אלץ מער און מער,
ביז אהער, ביז איצט,
אין ערגעץ, פון ערגעץ.

צום געדענקען: דער אויסלייג פון אייניקע שווערע אדווערבן:

אומעטום, אנדערש, אָקאָרשט, בעעמעס, בעשומויפן, דאמאָלט אָדער דעמלט, וווהין, נאָכאנאנד, נישקאָשע, ערגעץ, פלוצלינג אָדער פלוצעם, קימאט, רעכטס.

9. איבערעכענונג

אויפגאבע 89.

אין אונדזער שול דארף דאָס לערנען זײַן פארבונדן מיט ארבעט אין פאבּריק, אין פעלד, באם ווארשטאט. פארנעמענדיק זיך מיט פארשיידענע ארבעטן, קאָנען די קינדער זיך אויסלערנען זייער פיל זאכן. ווען מע ארבעט ארום א

מאשינ, מיט אנ אינסטרומענט — דערוויסט מענ זיך, וואָס איז דאמפּ, וואָס איז עלעקטרע, ווי מאכט מענ פארשיידענע מאכשירים. אומעטום בויט מענ גרויסע פאבריקנ, גרויסע זאוואָדנ, אפ יעדנ טריט אונ שריט זעענ מיר רישטעוואניעס אונ גרויסע געביידעס — לאָמיר זיך צוקוקנ צו דעם אלעם, לאָמיר דאָס דערלערנענ: דער ארבעטער־קלאס שאפט א נײַ לעבנ — מיר, צוקונפטיקע ארבעטער דארפנ זיך צו דעם גרייטנ.

לייענט איבער דעם ערשטנ זאצ. רעכנט איבער, מיט וואָסער ארבעט דארפ זײַנ פארבונדנ דאָס לערנענ.

אופגאבע 90.

זינע האָט אָנגעשריבנ:

דאָס לערנענ דארפ זײַנ פארבונדנ מיט ארבעט אינ פאבריק אינ פעלד.

פרעגט דער לערער:

— די פאבריק שטייט דענ אינ פעלד?

— ניינ, — מאכט זינע, — כ'מיינ: דאָס לערנענ דארפ זײַנ פארבונדנ מיט ארבעט אינ פאבריק אונ מיט ארבעט אינ פעלד.

— אויב אזוי, — ענטפערט דער לערער, — האָסטו באדארפט שטעלנ נאָכ די די ווערטער „אינ פאבריק” א קאָמע:

דאָס לערנענ דארפ זײַנ פארבונדנ מיט ארבעט אינ פאבריק, אינ פעלד.

בא איבערעכענענ שטעלט מענ קאָמעס.

אופגאבע 91.

אומעטום בויט מענ גרויסע פאבריקנ, גרויסע זאוואָדנ, גרויסע געביידעס. מיר באקומענ אסאך נאפט, בענזינ, קעראָסינ, בענזאָל.

ווו זײַנעג דאָ איבערעכענונגענ? שטעלט אופ נאָכ דרײַ אזעלכע זאצנ.

אופגאבע 92.

אונדזערע פאבריקנ זאוואָדנ קאָלווירטנ ראטווירטנ ארבעטנ מיט גיכע טעמפּנ.

שרײַבט איבער, שטעלט די פארפעלטע קאָמעס. שטעלט אופ נאָכ דרײַ אזעלכע זאצנ.

באמערקט: נאָכ ראטווירטנ דארפ מענ ניט קיינ קאָמע, כאָטש עס ווערט ארויסגערעדט מיט א קאָמע.

אופגאבע 93. רעכנט איבער שריפטלעך, ווער שטערט אונדזער כאָציאליסטישער בויונג.

רעכנט איבער שריפטלעך, וויאזוי באפוצט מענ דעם קלאס.

אופגאבע 94. שרײַבט איבער די זאצן און שטעלט צו די נייטיקע קאָמעס.

עס עפענען זיך הונדערטער שולן ליקפּונקטן ביבליאָטעקן קלובן לייענשטיבלעך. אין אונדזער קלאַס לערנען מיר נאטורוויסנשאפט געשיכטע געאָגראפיע מאטעמאטיק שפראך. אין קלאַס דארף זײַן ליכטיק גראַם ריין. בא אונדז איז א ליכטיקער גראַמער ריינער קלאַס.

אופגאבע 95.

וואָס דארפן האָבן זוימען, קעדיי זיי זאָלן דורכוואקסן?
זוימען דארפן האָבן פײַכטקײַט.
זוימען דארפן האָבן ווארעמקײַט.
זוימען דארפן האָבן לופט.

מאכט פון די לעצטע דרײַ זאצן איינעם. טראכט צו נאָך צוויי אזעלכע בײַשפּילן.

אופגאבע 96. שטעלט אוף זאצן מיט איבערעכענונגען מיט די ווערטער:

ארבעטער, קאָלווירטניק, רויטארמייער.
אוקראַינע, ווײַסרוסלאנד, רספסר.
עפּל, בארן, פלוימען, קארשן.
מיר, דיר, אים, מיך, דיך.
לייענט, שרײַבט, מאָלט.
געלייענט, געמאָלט, געשריבן.
לייענען, מאָלן, שפּילן.

אופגאבע 97. קלײַבט פאנאנדער די אופגעשטעלטע זאצן פון דער אופגאבע 96: ווו זײַנען איבערגערעכנט סוביעקטן, אָביעקטן, פּרעדיקאטן?

אופגאבע 98.

מיר ארבעטן אין פאבריק,
אין פעלד, באַם ווארשטאט.

מיר ארבעטן אין פאבריק,
אין פעלד און באַם ווארשטאט.

> ווען פארן לעצטן פון די איבערגערעכנטע ווערטער שטייט
> **און**, שטעלט מען ניט קיין קאָמע.

שרײַבט איבער און שטעלט צו פארן לעצטן פון די איבערגערעכנטע ווערטער **און**.

מענטשן פאָרן רײַטנדיק אפּ פערד, אפּ אייזלען, אפּ קעמלען, אפּ העלפאַנדן.

אופגאבע 99. שרייבט אָן, פון וועלכע טיילן באשטייט א טיש, א שאפע, א בוך, א לאָמפּ. באנוצט אין יעדן זאַץ דאָס וואָרט **און**.

אופגאבע 100. טראַכט צו ביישפּילן, ווו עס זאָל זײַן **און** צווישן סוביעקטן, צווישן פּרעדיקאַטן, צווישן אקוזאטיוון, צווישן דאַטיוון.

אופגאבע 101. שרייבט איבער און שטעלט צו אָנשטאָט די פּינקטן צו צוויי — דריי פּאַסיקע אַדיעקטיוון פונעם ווײַטערדיקן צעטל.

שיין איז דער קרימער סטעפּ סאָפּ פעווראַל, מאַרט. דער הימל איז א בלויער . . . דער סטעפּ איז באדעקט מיט . . . גראָז און עס וואַקסן אפּן פעלד . . . בלומען. ערטערווייז וויגן זיך . . . פעלדער מיט ווינטער־ווייץ און עס שלענגלען זיך . . . פעלדער פּאַרזייטע מיט גערשטן, פרילינג־ווייץ, פּראָסע, האָבער, וואָס הייבן אָן עטוואָס גרינען.

ענדע מיי ווערט. הייסער. די ערד ווערט צעשפּאָלטן פון היץ. צייטיקט . . . פרילינג־טוועע.

(לויטערער, בלויער, זאַפטיקער, גרינע, שיינע, פײַנע, הויכע, געדיכטע, בלויע, רויטע, ווײַסע, שוואַרצע, צעאַקערטע, שמעקעדיקער, זוניקע, בליענדיקע, ברייטע, א ריינער, א קלאָרער, שניי־ווײַסע, סאַמעט־ווייכע).

אופגאבע 102.

— אלע זײַנען שוין דאָ?

ניין. ס'זײַנען דאָ נאָר בערל, וועלוול, מאשע, כײַע, יאָסל, שיינדל, ריווע זײַנען נאָך ניט געקומען.

פאַרוואָס קאָן מען דאָס ניט פאַרשטיין? ווי דאַרף מען עס פאַריכטן

אופגאבע 103.

אין וואַלד הערט איר א געזאַנג, א קראַקען, א קוואַקען, א שמוצערן, א גרילצן.

אין וואַלד הערט איר אלערליי קולעס: א געזאַנג, א קראַקען, א קוואַקען, א שמוצערן, א גרילצן.

> דאָס וואָרט קולעס ווײַזט, וואָס ווערט ווײַטער איבערגערעכנט. אזא וואָרט הייסט **פאַראַלגעמיינערונג־וואָרט.**
> נאָך אזא וואָרט שטייט א **צווייפּונקט.** אזא וואָרט ווערט ארויסגערעדט מיט א באזונדערן טאָן.

אין סטאָליער־וואַרשטאַט איז פאַראַן א זעג, א הובל, א דאָלעטע, א סטאַמעסקע.

אין סטאָליער־וואַרשטאַט איז פאַראַן פאַרשיידענע געצייַגן: א זעג, א הובל, א דאָלעטע, א סטאַמעסקע.

פאַרוואָס שטייט אין זאַץ לינקס א צווייפּונקט?

אופגאַבע 104. שרייַבט איבער און שטעלט צו די פאַרפעלטע צייכנס (קאָמעס און צווייפּונקטן):

א קו גיט דעם מענטשן מילך פּוטער קעז פלייש פעל קליי.

א קו גיט דעם מענטשן די דאָזיקע פּראָדוקטן מילך פּוטער קעז פלייש פעל און קליי.

אין א יאָר איז 12 כאַדאָשים יאַנוואַר פעוורא̇ל מאַרט אַפּרעל מײַ יון יול אויגוסט סענטיאַבער אָקטיאַבער נאָיאַבער דעקאַבער.

אופגאַבע 105. שרייַבט איבער און שטעלט צו די פּאַסיקע ווערטער פונעם ווייַטערדיקן צעטל:

אין צימער שטייט די דאָזיקע . . . . : א טיש, שטולן, א בעט, א שאַפע.

צום שרייַבן באַנוצט מען אויינע . . . : פּאַפּיר, א פען, א בלייַער, א מעקער, א טינטער.

די רויטע אַרמיי האָט אַלערליי . . . . . : האַרמאַטן, קוילנוואַרפער, ביקסן.

מיר האָבן אײַנגעקויפט די נייטיקע . . . צו דער אַרבעט: האַמערס, דאָלעטעס, אָפּצווענגעס.

(געווער, געצייַג, מעבל, מאַכשירים).

אופגאַבע 106. שטעלט אוף זאַצן מיט איבערעכענונג אַזוי, אַז פאַר דער איבערעכענונג זאָלן זײַן די ווערטער: די דאָזיקע כאַוויירים; פינף ביכער; אַזעלכע כיַיעס; פיר לימודים; פאַרשיידענעביימער; דרייַ געמעלן.

אופגאַבע 107. שטעלט אַרײַן אין יעדן זאַץ א וואָרט אָדער עטלעכע ווערטער, מע זאָל נאָך זיי דאַרפן שטעלן א צווייפּונקט.

מיר האָבן . . . . געמאָלט פּלאַקאַטן, געבונדן גירלאַנדעס, געשריבן לאָזונגען.

בא אונדז אין שול האָדעווען זיך . . . . ווייַסע מייַז, קראָליקעס, א בלויערל, א גאַלקע, פּרעשלעך, פלאָטקעלעך, א שטעכלער און א טשערעפּאַכע.

איך האָב געקויפט . . . בלויע, רויטע, געלע, שווארצע און ווײַסע פארב.

די קינדער דערוויסן זיך וועגן דאמפ, וועגן עלעקטרע, וועגן פאר־שיידענע מאכשירים, וועגן מאשינעס.

מאָטל פילט זיך גוט אינ שטאָט, אינ דאָרפ, אינ וואלד, אינ פעלד.

די קינדער דערוויסן זיך אי וועגן דאמפ, אי וועגן עלעקטרע, אי וועגן פארשיידענע מאכשירים, אי וועגן מאשינעס.

מאָטל פילט זיך גוט סײַ אינ שטאָט, סײַ אינ דאָרפ, סײַ אינ וואלד, סײַ אינ פעלד.

אינאָוונט וועט איר לייענע א בוך, גיינ אינ קלוב, שפאצירנ. און איך וועל אינאָוונט אָדער לייענע א בוך, אָדער גיינ אינ קלוב, אָדער שפאצירנ.

בא איבערעכענונג קאָנ מענ אָפט באנוצנ די ווער־טער אי — אי, סײַ — סײַ, אָדער — אָדער, ניט — ניט. דערבײַ שטעלט מענ קאָמעס.

אופגאבע 108. שרײַבט איבער און שטעלט צו די פארפעלטע צווײ־פונקטנ און קאָמעס.

מאָרגנ בינ איך דעזשורנע. א דעזשורנע דארפ אי צעטיילנ די לערנ־מאכשירים אי צונויפנעמענ די ארבעטנ אי ארויסשיקנ די כעוורע בייסנ איבע־רײַס און דורכלופטערנ דעם קלאַס אי פארעגיסטרירנ דעם באזוך אי צעטיילנ דעם פרישטיק אי אופראמענ נאָכנ פרישטיק.

יאָסל דער שטארקער האָט געקענט אלערליי מעלאָכעס סײַ אָנשלאָגנ א רייפל סײַ לייטנ אנ עמער סײַ צורעכט מאכנ א שירעמ סײַ אָנשארפנ א מעסער סײַ ארײַנשטעלנ א שויב.

אינ זאָאָלאָגישנ גאָרטנ זײַנענ פאראנ פארשיידענע כײַעס ווײַסע בערנ ברוינע בערנ הויקערדיקע קעמלענ לייבנ מיט גריוועס לאנגע טיגערנ געפינטלטע פאנטערעס ווילדע אָקסנ קליינינקע פערדלעכ א העלפאנד א בעהעמאָט א קראָקאָדיל אלערליי פויגלענ.

דער זומער איז געווענ א קורצער און א קאלטער.

און פאראיאָרנ איז דער זומער געווענ א קורצער, נאָר א הייסער.

צום געדענקענ: פאר **און** בא איבערעכענונג — ניטאָ קיינ קאָמע. פאר **נאָר** בא איבערעכענונג — פאראנ א קאָמע.

אופגאבע 109. לייענט איבער. לייגט אכט אפ די אָפּשטעל־צייכנס.

אין סאָד

האיאָר איז דער סאָד געראָטן:
טוי און רעגן, ליכט און שאָטן
איז געפאלן צו דער מאָס, —
שטייט דער סאָד ווי אויסגעבאָדן,
קוסטן,ביימער — שווער באלאָדן,
און די ערד — געדיכט מיט גראָז.
אין די צווייַגן מיט די בלעטער
פריילעך שפּילן מיטן וועטער
באר און עפּל, קארש און פלוים;
אפ דער זון, אין ליכט אין קלאָרן,
צייַטיק איז דער סאָד געוואָרן —
פאלט די פרוכט אליין פון בוים...
האיאָר איז דער סאָד געראָטן!

דערקלערט די אָפּשטעל־צייכנס אין די שורעס:

טוי און רעגן, ליכט און שאָטן...
באר און עפּל, קארש און פלוים...

אין וואלד הער איך אלערליי קוילעס: א געזאנג, א קראקען, א שמוצערן, א גרילצן.	אין וואלד הער איך א געזאנג, א קראקען, א שמוצערן, א גרילצן — אלערליי קוילעס.

> ווען די ווערטער **אלערליי קוילעס** און אנדערע פאראל־געמיינערונג־ווערטער שטייען פאר דער איבערעכענונג, שטעלט מען א **צווייפּונקט.**
> ווען די פאראלגעמיינערונג שטייט נאָך דער איבערעכענונג, שטעלט מען א **טירע.**

אופגאבע 110. שרייַבט איבער און דערקלערט (מינדלעך) די אָפּשטעל־צייכנס:

פון זאוואָדן, פון פאבריקן,
צו זאוואָדן, צו פאבריקן,
איבער בארג און איבער טאָל,
איבער טייַכן, אונטער בריקן

דארף מען יאָגן, דארף מען שיקן
האָלץ און אײַזן, שטיין און שטאָל,
קאָרן, ווייץ און קויל און נאפט —
אַלץ, וואָס גיט אונדז מאכט און קראפט.

אופגאבע 111. צעשטעלט אין דער פריערדיקער ליד די שורעס אזוי, אז קיין טירע זאָל ניט זײַן און עס זאָל זײַן א צווייפונקט.

אופגאבע 112. שרײַבט איבער און שטעלט צו די נייטיקע אָפּשטעל־צייכנס:

אין סאזשלקע איז ניטאָ ניט קיין פיש ניט קיין פּיאווקעס ניט קיין קאָפּעקלעך ניט קיין שווימערס.

אין סאזשלקע איז ניטאָ גאָרניט ניט קיין פיש ניט קיין פּיאווקעס ניט קיין קאָפּעקלעך ניט קיין שווימערס.

אין סאזשלקע איז ניטאָ ניט קיין פיש ניט קיין פּיאווקעס ניט קיין קאָפּעקלעך ניט קיין שווימערס גאָרניט.

אופגאבע 113. שטעלט אוף זאצן מיט איבערעכענונגען, אז פאר די איבערעכענונגען אָדער נאָך זיי זאָלן זײַן די ווערטער: אַלץ, אַלע, אומעטום, שטענדיק, אַלערליי, אַלצדינג, יעדער, קיינער, גאָרנישט, קיינשום, קיינמאָל ניט, ערגעץ ניט.

אופגאבע 114. שרײַבט איבער. דערקלערט (מינדלעך) די אָפּשטעל־צייכנס:

אין דײַטשלאנד, אין שפּאניע, אין פראנקרײַך, אין בעלגיע, אין ענגלאנד, אין איטאליע, אין אמעריקע — אומעטום האָרעוועט און אומעטום הונגערט דער ארבעטער און דער פּויער. דער רײַכער טוט גאָרניט, אָבער ער עסט צו זאט. כאָטש די ארבעטערריידן אַף אַלערליי שפּראכן: אַף ענגליש, אַף דײַטש, אַף פראנצויזיש, אַף שפּאניש, נאָר אַלעמען פאראייניקט אין קאמף איין ציל. אַלעמענס פײַנט איז דער קאפּיטאליסט. אַלעמענס ציל — קאָמוניזם.

10. פארבינדונג פון זאצן

איך לייען א בוך. ראָזע לערנט געאָגראפיע.

איך לייען א בוך, און ראָזע לערנט געאָגראפיע.

> צוויי זאצן קאָן מען פארבינדן צוזאמען דורכן וואָרט **און**. **און** הייסט בינדוואָרט. פאר **און**, וואָס פארבינדט צוויי זאצן, שטעלט מען א קאָמע.

אופגאבע 115. פאַרבינדט די צוויי זאצן דורכן וואָרט **און.**

ס'האָט זיך אָנגערוקט א כמארע.

ס'האָט א פּליוכ געטאָן א גאָס־רעגן.

איך האָב געוואָלט קויפן א פּאָר גליטשערס, אָבער איך האָב ניט געהאט קיין געלט.

צוויי זאצן קאָן מען פאַרבינדן דורכן בינדוואָרט **אָבער.** פאַר **אָבער** שטעלט מען א **קאָמע.**

איך האָב געוואָלט קויפן א פּאָר גליטשערס. איך האָב ניט געהאט קיין געלט.

איך האָב געוואָלט קויפן א פּאָר גליטשערס, אָבער איך האָב ניט געהאט קיין געלט.

דאָס בינדוואָרט **אָבער** ווײַזט, אז איינע דערשיינונג ווערט קעגנגעשטעלט א צווייטער.

מײַן ברודער איז הײַנט ניט געקומען אין שול. מײַן ברודער איז קראנק געוואָרן.

מײַן ברודער איז הײַנט ניט געקומען אין שול, ווײַל ער איז קראנק געוואָרן.

מײַן ברודער איז הײַנט ניט געקומען אין שול, וואָרעם ער איז קראנק געוואָרן.

צוויי זאצן קאָן מען פאַרבינדן דורכן בינדוואָרט **ווײַל** אָדער **וואָרעם.** פאַרן בינדוואָרט שטעלט מען א **קאָמע.** **ווײַל, וואָרעם** ווײַזט, אז איינע דערשיינונג איז אן אורזאַך (א סיבה) פון א צווייטער.

אופגאבע 116.

מאָטל האָט מיר דערציילט, אז ער האָט זיך צעקריגט מיט וועלוועלען. ווו איז דאָ א בינדוואָרט?

אופגאבע 117. שטעלט אופ עטלעכע זאצן, פאַרבינדט זיי דורך די בינדווערטער: אָבער, ווײַל, וואָרעם, אז.

אויפֿגאַבע 118. דערשרײַבט:

דער קאָלעקטיוו וועט אַרבעטן מיט דערפֿאָלג, אויב...
ער איז פֿאַרסאַפּעט, ווײַל...
מיר אַלע דאַרפֿן וויסן, אַז...
ווינטער איז גוט זיך גליטשן, אָבער...

אויפֿגאַבע 119.

— איך בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפֿן.
— פֿאַרוואָס?
— מיר האָט שטאַרק וויי געטאָן אַ צאָן.

פֿאַרבינדט דעם ערשטן און דריטן זאַץ דורך אַ פּאַסיקן בינדוואָרט.
(צי פּאַסט דאָ דאָס בינדוואָרט און? אָבער? אויב? אַז?)

אויפֿגאַבע 120. פֿאַרבינדט די זאַצן דורך פּאַסיקע בינדווערטער און שטעלט, וווּ מע דאַרף, אַ קאָמע.

קיין מילכאָמע ווילן מיר ניט. צו ווידערשטאַנד זײַנען מיר גרייט.
מיר פֿאַלן ניט אָן. מיר פֿאַרטיידיקן זיך.
אַ שלאָגלער אַרבעט. אַ פֿאַלשער שלאָגלער פֿוילט זיך.
לענין איז געשטאָרבן. לענינס לערע לעבט.

אויפֿגאַבע 121. שטעלט אויף זאַצן, וווּ עס זאָלן זײַן די ווערטער:
אַז ער, אַז זי, אַז זיי, אַז איך, ווײַל איך, ווײַל אים.

איך לייען אַ בוך.
ראָזע לערנט געאָגראַפֿיע.

איך לייען אַ בוך, און ראָזע לערנט געאָגראַפֿיע.	איך לייען אַ בוך, ראָזע לערנט געאָגראַפֿיע.

> צוויי זאַצן קאָן מען פֿאַרבינדן אָן אַ בינדוואָרט, בלויז דורך דעם, וואָס מע שטעלט אָנשטאָט אַ פּונקט נאָכן ערשטן זאַץ אַ קאָמע.

אויפֿגאַבע 122. לייענט איבער, לייגט אַכט אויף די אָפּשטעל־צייכנס:

ליגט די געגנט אַזוי קוויטיק,
אָט פֿאַרפֿרירט, און ווידער רעגנט.
ס'וועלן זיך מיסטאַמע אײַנגיכן
שוין אָוועקשטעלן די פֿרעסט.

קומט צו גיין א ווײַסער שניי־טאָג,
ציט ער איבער גאָר די געגנט
ווי מיט קלאָר־ווײַס פרישע ציכן,
דאכט זיך, נאָרוואָס פון געוועש.
ווערט א שליטוועג אויסגעטראָטן,
איז שוין גאָרניט וואָס צו פרעגן.
דאכט זיך, לאָזן נאָר דעם שליטן,
וועט ער פאָרן שוין אליין.

(מארקיש).

11. הויפּטזאַץ און בײַזאַץ

דער ברודער איז געקומען

צו נאָטקען איז געקומען א גאסט. נאָטקע האָט זיך געקליבן גיין אהיים. אין שול איז ארײַנגעלאָפן מיט אימפּעט קאַטיע:

— נאָטקע, גיי גיכער אהיים! דײַן ברודער איז געקומען.

— וועלכער? — האָט זיך נאָטקע געפרעגט — דער, וואָס ארבעט אין מאָסק־ווער פאבריק?

— ניין, דער ברודער, וואָס דינט אין רויטן פלאָט. ער טראָגט א מאַ־טראָסן־העמד מיט ברייטע הויזן.

— סיאָמע! סיאָמע! — האָט נאָטקע אויסגעשריִען מיט פרייד און איז אוועק־געלאָפן אהיים.

צו נאָטקען איז געקומען זײַן ברודער.
וועלכער ברודער?
וואָס דינט אין רויטן פלאָט.

צו נאָטקען איז געקומען זײַן ברו־דער, וואָס דינט אין רויטן פלאָט.

> צו א סובסטאַנטיוו אין א זאַץ קאָן מען אמאָל צוגעבן א גאנצן זאַץ צו דערקלערן דעם סובסטאַנטיוו.
> דער זאַץ, אין וועלכן ס'געפינט זיך דער סובסטאַנטיוו, הייסט **הויפּטזאַץ**. דער צוגעגעבענער זאַץ הייסט **בײַזאַץ**.
> צווישן הויפּטזאַץ און בײַזאַץ שטעלט מען א קאָמע.

דער לערער האָט אונדז פארגעבן אן ארבעט.
מיר האָבן אויסגעפילט די ארבעט.

מיר האָבן אויסגעפילט די ארבעט, וואָס דער לערער האָט אונדז פאר־געבן.

רעכטס איז צוויי באזונדערע זאַצן, לינקס איז א הויפּטזאַץ מיט א בײַזאַץ.

אופגאבע 123.

— מיר זײַנען געװען אין װאַלד.
— אין װאָסער װאַלד?
— װאָס דער לערער האָט אונדז װעגן אים דערציילט.

מאַכט דערפֿון אַ הױפּטזאַץ מיט אַ בײַזאַץ. װעלכן סובסטאַנטיװ פֿון הױפּטזאַץ דערקלערט דער בײַזאַץ?

אופגאבע 124. שרײַבט איבער. שטרײַכט אונטער די בײַזאַצן מיט איין שטריך, און די סובסטאַנטיװן, װאָס װערן דערקלערט דורך די בײַזאַצן, מיט צװײ שטריכן.

אַפּן װאָנט העגנגען די קלאָלים, װאָס דער סאַנקאָם האָט אויסגעאַרבעט.
דער שלאָסער האָט פֿאַריכט דעם שלאָס, װאָס פֿרידע האָט צעבראָכן.
שלוימע האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, װאָס דער רעגן האָט דורכגענעצט.
איך האָב געלייזט די אופגאַבע, װאָס מײַן כאַװער האָט ניט געקאָנט לייזן.
אונדז האָט איבערגעשראָקן די יעדיִע, װאָס מיר האָבן באַקומען.

מיר האָבן אויסגעפֿילט די אַרבעט, װאָס דער לערער האָט אונדז פֿאַרגעבן.

די אַרבעט, װאָס דער לערער האָט אונדז פֿאַרגעבן, האָבן מיר אויסגעפֿילט.

דער בײַזאַץ קאָן שטיין אינמיטן הױפּטזאַץ. דעמלט שטעלט מען פֿון ביידע זײַטן בײַזאַץ קאָמעס.

אופגאבע 125. שרײַבט איבער די זאַצן און שטרײַכט אונטער די בײַזאַצן.

די אַרבעט, װאָס דער לערער האָט אונדז פֿאַרגעבן, האָבן מיר אויסגעפֿילט.
קאָלומב, װאָס האָט אַנטדעקט אַמעריקע, האָט געלעבט העכער 400 יאָר צוריק.
דעם שלאָס, װאָס פֿרידע האָט צעבראָכן, האָט דער שלאָסער פֿאַריכט.
די אופגאַבע, װאָס מײַן כאַװער האָט ניט געקאָנט לייזן, האָב איך גרינג געלייזט.

א זאַץ, װאָס דערקלערט אַ סובסטאַנטיװ, הייסט בײַזאַץ.

אופגאבע 126. דערשרײַבט פּאַסיקע בײַזאַצן:

די קלאָלים, װאָס . . . . . , העגנגען אַפּן װאַנט.
דעם דײַטש, װאָס . . . . . , האָב איך נעכטן געזען.
אַלע שילער, װאָס . . . . . , װעלן אַריבערגיין אין פֿינפֿטן קלאַס.

אופגאַבע 127. אין די ווײַטערדיקע זאַצן זײַנען די ווערטער צעשטעלט ניט ריכטיק. שרײַבט איבער, צעשטעלנדיק די ווערטער ריכטיק.

איך האָב באַטראַכט דורך אַ שפּאַקטיוו אַ פֿליג, וואָס פֿאַרגרעסערט אין 10 מאָל.

פֿון אונטערן שטיין איז דורכגעלאָפֿן אַ יאַשטשערקע, וואָס איך האָב איבערגעקערט.

מיר האָבן אַרויסגעשטעלט דאָס שיפֿל אויפֿן ברעג, וואָס דער שטראָם האָט שיר ניט פֿאַרטראָגן.

איבערן פֿעלד איז דורכגעלאָפֿן אַ האָז, וואָס איז באַדעקט מיט גראָז.

מיר זײַנען געגאַנגען קוקן די סכוירע אין קראָם, וואָס דער קאָאָפּעראַטיוו האָט געבראַכט.

דער לערער האָט געמאַכט דעם שילער אַ וואָרענונג, וואָס האָט געשטערט דער אַרבעט.

אופגאַבע 128. פֿאַרבינדט די הויפּטזאַצן מיט די בײַזאַצן.

דער רויטאַרמייער האָט זיך אָפּגעשטעלט.
וואָס איז געזעסן אויפֿן פֿערד.

אַ מאַכנע פֿויגלען האָבן זיך אופגעהויבן מיט אַ געפּילדער.
וואָס האָבן געקליבן אויפֿן שליאַך קערנער.

שטיקער אײַז האָבן זיך צעקלאַפּט מיט אַ גרויסער קראַפֿט.
וואָס דער שטראָם האָט געטריבן.

דער אָוונט איז דורכגעגאַנגען גוט.
וועלכער איז געווען געווידמעט דער פּאַריזשער קאָמונע.

דער שניי האָט אָנגעהויבן גרוי ווערן.
וואָס ליגט נאָך אויף די פֿעלדער.

דאָס ייִנגל האָט געכריפּעט און געסאָפּעט.
וואָס האָט לעבן דזשאָנען געאַרבעט.

זײַן פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אַ סינע צום אופֿזעער.
וואָס האָט פֿון אים זײַן בייזן בליק ניט אַראָפּגענומען.

דער רעגן האָט געהאַלטן אין איין גיסן.
וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַטאָג.

דער טײַך האָט פֿאַרטרונקען דאָס דערפֿל און האָט אַראָפּגעטראָגן די מיל.
וואָס האָט זיך צעגאָסן; וואָס איז געשטאַנען באַם ברעג.

ניטאָ אַזוינע פֿעסטונגען.
וואָס די באָלשעוויקעס זאָלן ניט קענען אײַנעמען.

מיר האָבן אויסגעפּילט די אַר־בעט, וואָס דער לערער האָט אונדז פאַרגעבן.

צו נאָטקען איז געקומען זײַן ברודער, וואָס דינט אין רויטן פלאָט.

מיר האָבן אויסגעפּילט די אַר־בעט, וועלכע דער לערער האָט אונדז פאַרגעבן.

צו נאָטקען איז געקומען זײַן ברודער, וועלכער דינט אין רויטן פלאָט.

א בײַזאַץ קען זיך פאַרבינדן מיטן סובסטאַנטיוו אָדער דורך **וואָס** אָדער דורך **וועלכער**.

12. וויִאַזוי מע גיט איבער פרעמדע רייד

אופגאַבע 129.

אין לייענצימער

נעליע איז אַרײַן אין שול־קלוב. זי האָט ניט דרייסט געעפנט די טיר פון לייענצימער. אָ, וויפל קינדער! אַלע זיצן און לייענען. אַנדערע שרײַבן. ס'אַרא שטילקײַט! זי איז צוגעגאַנגען צום דעזשורנע און שטיל געפרעגט:

— איך מעג דאָ לייענען?

דער דעזשורנע האָט געענטפערט:

— געוויס מעגסטו. ווי רופט מען דיך?

זאָגט נעליע:

— נעליע בערמאַן.

פרעגט ווײַטער דער דעזשורנע:

— פון וועלכן קלאַס?

ענטפערט נעליע:

— פון צווייטן.

דער דעזשונע האָט פאַרשריבן און געזאָגט צו נעליען:

— גיי קלײַב זיך אויס א ביכל.

אַז מע דערציילט עפּעס, טרעפט אָפט, אַז מע גיט איבער פינקטלעך, וואָס עמעצער אַנדערש האָט געזאָגט. דאָס רופט זיך **פרעמדע רייד**. פרעמדע רייד הייבט זיך אָן פון א נײַער שורע.

אין אָנהייב שורע שטעלט מען א טירע (—).

אין סאָף פריִערדיקער שורע (נאָכן אוטערס רייד) שטעלט מען א צווייפּונקט (:).

לייענט איבער דעם שמועס פון דער אויפגאַבע 1 („אונדזער לאַנד הייסט סאָוועטן־פאַרבאַנד"). באַמערקט, ווו איז דעם אווטערס רייד, ווו איז דעם פּרעגערס רייד.

וואָס ענטפערן די קאַפּיטאַליסטן? וואָס ענטפערן די אַרבעטער?

אויפגאַבע 130. שטעלט אויף אַ קורצע דערציילונג, ווו עס זאָל פאָר־קומען, אַז צוויי מענטשן ריידן.

אויפגאַבע 131.

אין לייענצימער

נעליע איז אַריין אין שול־קלוב. זי האָט ניט דרייסט געעפנט די טיר פון לייענצימער. אָ, וויפל קינדער! אַלע זיצן און לייענען. אַנדערע שרייבן. ס'איז שטילקייט! זי איז צוגעגאַנגען צום דעזשורנע און שטיל געפרעגט: „איך מעג דאָ לייענען?" דער דעזשורנע האָט געענטפערט: „געוויס מעגסטו. ווי רופט מען דיך?"

מע קאָן נאָך שרייבן פרעמדע רייד אַזוי: ניט אָנהייבן פון אַ נייער שורע. אין אָנהייב און אין סאָף שטעלן פּיסלעך („ "); פאַר די פרעמדע רייד (נאָכן אווטערס רייד) שטעלן אַ צווייפּונקט.

דערשרייבט די דערציילונג „אין לייענצימער" שרייבנדיק די פרעמדע רייד ניט פון נייע שורעס, נאָר אין פּיסלעך.

אויפגאַבע 132. שרייבט איבער די דערציילונג, וואָס איר האָט אויפ־געשטעלט אין דער אויפגאַבע 130, שרייבנדיק די פרעמדע רייד ניט פון נייע שורעס, נאָר אין פּיסלעך.

זי איז שטיל געזעסן, זי האָט שטיל געאַרבעט און האָט שטיל געפרעגט.	זי האָט שטיל געפרעגט: — איך מעג דאָ לייענען?
זי האָט געפרעגט, און דער דעזשורנע האָט געענטפערט.	דער דעזשורנע האָט געענטפערט: — געוויס מעגסטו.
ווען קיינער קאָן ניט ענטפערן, ענט־פערט נעליע.	ענטפערט נעליע: — איך בין פון צווייטן קלאַס.

א צווייפּונקט ווערט אַרויסגערעדט מיט אַ העכערן טאָן.
אַ צווייפּונקט ווײַזט, אַז די רייד איז נאָך ניט פאַרענדיקט:
באַלד וועט נאָך דערקלערט ווערן.

אויפגאַבע 133.

— פונוואַנען ווייסטו, אַז מאָרגן איז אַן עקסקורסיע?
— די לערערקע האָט געזאָגט.

— פונוואַנען ווייסטו, אַז מאָרגן איז אַן עקסקורסיע?
— די לערערקע האָט געזאָגט:
„מאָרגן איז אַן עקסקורסיע".

געפינט רעכטס און לינקס דעם זעלביקן זאַץ מיט אַ פּונקט און מיט אַ צווייפּונקט. פאַרגלײַכט, ווי ווערן זיי אַרויסגערעדט.
פאַרוואָס שטייט רעכטס אַ פּונקט, און לינקס אַ צווייפּונקט?

— היי פעטערל, האָסט דאָ ניט באַגעגנט אַ קעלבל?
— אַ וואָסער קעלבל? מיט אַ בענדל אָפּן האַלדז?
— יאָ, מיט אַ בענדל!
— און מיט אַן אויסגעריבן זײַטל?
— יאָ, יאָ, דאָס איז דאָס טאַקע!
— ניין, איך האָב ניט געזען.

אויב עס ווערט איבערגעגעבן די רייד פון צוויי מענטשן אָן דעם אווטערס רייד, שרײַבט מען יעדערנס רייד פון אַ נײַער שורה און אין אָנהייב שורה שטעלט מען אַ טירע.

אויפגאַבע 134. קלײַבט פאַנאַנדער אין דער ווײַטערדיקער דערציילונג, וואָס זאָגט עליע און וואָס זאָגט זײַן שאָכן מוישע.

עליע פאַרקויפט טינט

מײַן ברודער עליע האָט געמאַכט עפּשער טויזנט פלעשער טינט. אַז מוישע איז אַרײַנגעקומען צו אונדז און דערזען אַזויפיל פלעשער טינט, האָט ער זיך דערשראָקן און זיך געגעבן אַזש אַ וואָרף צוריק. דערזעט מײַן ברודער עליע, און עס קומט פאַר צווישן זיי אַ מאָדנער שמועס. איך גיב אײַך איבער דאָ דעם שמועס וואָרט באַ וואָרט.
וואָס האָט איר זיך דערשראָקן? וואָס איז באַ דיר פאַרא פלעשער? וואָס זאָל זײַן? ווײַן! וואָסער ווײַן? ס'איז דאָך טינט! וואָס־זשע פרעגט איר? וואָס

וועסטו טון מיט אזויפֿיל טינט? טרינקען! ניין, איך מיין אָן קאַטאָוועס, וועסט פאַרקויפֿן לאַאַכאָדעם אויך? וואָס בין איך, א מעשוגענער? אז פאַרקויפֿן, וועל איך פאַרקויפֿן 10 פֿלעשער, 20 פֿלעשער, 50 פֿלעשער. דאָס ווערט אָנגערופֿן הורט.

אופגאַבע 135. שרײַבט איבער דעם שמועס פון דער אופגאַבע 134 אין נײַע שורעס און, ווו מע דאַרף, שטעלט א טירע.

אופגאַבע 136. שטעלט אופ א שמועס צווישן צוויי כאַווײרים (אָן דעם אווטערס רייד).

אופגאַבע 137. פאַרגלײַכט די אויסגעפילטע אופגאַבע 135 מיטן ווײַטערדיקן שמועס:

עליע: וואָס האָט איר זיך אזוי דערשראָקן?
מוישע: וואָס איז בא דיר פאַרא פֿלעשער?
עליע: וואָס זאָל זײַן? ווײַן!
מוישע: וואָסער ווײַן? ס'איז דאָך טינט!
עליע: וואָס־זשע פרעגט איר?
מוישע: וואָס וועסטו טון מיט אזויפֿיל טינט?
עליע: טרינקען!
מוישע: ניין, איך מיין אָן קאַטאָוועס, וועסט פאַרקויפֿן לאַאַכאָדעם אויך?
עליע: וואָס בין איך, א מעשוגענער? אז פאַרקויפֿן, וועל איך פאַרקויפֿן 10 פֿלעשער, 20 פֿלעשער, 50 פֿלעשער. דאָס ווערט אָנגערופֿן הורט.

> א שמועס קאָן מען איבערגעבן אזוי: יעדערנס רייד שרײַבט מען פון א נײַער שורע, אין אָנהייב שורע שרײַבט מען דעם נאָמען פון דעם, וואָס רעדט, און נאָכן נאָמען שטעלט מען א צווייפונקט.

אופגאַבע 138. שרײַבט איבער. באַמערקט, ווי איז דאָ איבערגעגעבן פרעמדע רייד.

— מײַן באָבע איז גאָר אן אלטינקע, — האָט גיטע דערציילט פאַר די קינדער, — גייט זי אלץ אין בעסמעדרעש דאַווענען צו איר גאָט.

— און בײַ מײַן מאַמע איז א לערערקע, — ענטפערט רייזל, — זי האָט עפּשער

טויזנט ביכער איבערגעלייענט. זי ווייסט, אז קיין גאָט איז ניטאָ, און זי האַלט ניט פון די אַלע נארישקייטן.

רופט זיך אָן בערל, א פּיאָנער:

— אַראָפּ דעם אַלטן שימל, ניטאָ קיין גאָט אין הימל.

אופגאבע 139.

דו לייענסט גוט, מייערקע?

— יאָ, סאשע, איך לייען גוט. איך וואָלט נאָך בעסער געלייענט, ווען ניט די אָפּשטעל־צייכנס.

שרייבט עס איבער אזוי, עס זאָלן זיין אָנגערופן די נעמען פון די, וואָס ריידן.

13. פון וואָס באשטייט א וואָרט

אופגאבע 140.

טייך מיין ליבער, גרויסער דניעפּער, ברעגן דולע און פארשייטע!

פעלדזן שווערע, פעלדזן אַלטע, שטראָמען אומרויִקע, ווייטע.

צי קען מען זאָגן: ליבע, גרויסע?

און צי קען מען זאָגן: טייך מיין ליבע, גרויסע דניעפּער?

פארוואָס?

צי קען מען זאָגן: שווערער, אַלטער, אומרויִקער, ווייטער?

און צי קאָן מען זאָגן: פעלדזן שווערער, פעלדזן אַלטער, שטראָמען אומרויִקער, ווייטער? **פארוואָס?**

> א וואָרט אין זאַץ איז אָפטמאָל אנדערש ווי אָן א זאַץ: אָדער עס קומט צו א פלעקסיע, אָדער איין פלעקסיע ווערט פארביטן אפ א צווייטער.

אופגאבע 141. טיילט אויס אין די דאָזיקע ווערטער די טעמעס און די פלעקסיעס.

פאַלט א ווייסער שניי, באדעקט די גאנצע ערד. לייבל רופט מאשען און בערלען: קומט אפּן גליטש, אַלע גליטשן זיך שוין.

מוסטער: פאַל | ט א ווייס | ער...

אופגאבע 142. גיט צו צו די דאָזיקע טעמעס פארשיידענע פלעקסיעס, וועלכע איר קאָנט נאָר: גוט, בייז, רויט, רויטלעך, ריין, רייניק, פאר־מאַך, אנטלויפ, בערטע, דאָוויד, מאטוויי.

אופגאבע 143.

פונדערווײַטן נאָכ האָבנ מיר געזענ א רויטנ פײַער. צוגעקומענ נעענטער, ערשט א גרויסער רויטער פלאם האָט ארומגעכאפט דעם גאנצנ מויער. אינ אנטקעגנדיקנ פענצטער האָבנ מיר דערזענ א **רויטלעכנ** אָפגלאנצ.

ווענ דארפ מענ זאָגנ **א רויטער פלאם** אונ ווענ **א רויטנ פלאם?**
ווענ דארפ מענ זאָגנ א **רויטנ אָפגלאנצ** אונ ווענ א **רויטלעכנ אָפגלאנצ?**

רויט		רויט ער	רויט ע רויט נ
רויט	לעכ.	רויט לעכ ער	רויט לעכ ע רויט לעכ נ

ער, ע, נ זײַנענ פלעקסיעס.
לעכ איז א סופיקס.
רויט איז א וואָרצל.

רויט — לעכ — ער

וואָרצל — סופיקס — פלעקסיע

ווענ צו זאָגנ **רויטער**, ווענ **רויטע** אונ ווענ **רויטנ**, — דאָס איז אָפהענגיק פונ אנדערע ווערטער אינ זאצ.

ווענ צו זאָגנ **רויטער** אונ ווענ **רויטלעכער** — דאָס איז ניט אָפהענגיק פונ אנדערע ווערטער אינ זאצ. **רויט** אונ **רויטלעכ** איז צוויי באזונדערע זאכנ.

דער טייל וואָרט, וואָס אינ אים איז דער וויכטיקסטער באטײַט פונעם וואָרט, הייסט **וואָרצל.**

סופיקס איז אזא טייל וואָרט, וואָס ענדערט דעם באטײַט פונ וואָרט. א סופיקס שטייט נאָכנ וואָרצל (צווישנ וואָרצל אונ פלעקסיע).

פלעקסיע איז אזא טייל וואָרט, וואָס דינט צו פארבינדנ דאָס וואָרט מיט אנדערע ווערטער אינ זאצ. א פלעקסיע שטייט אלעמאָל אינ סאָפ וואָרט.

אופגאבע 144. קלײַבט פאנאנדער די סופיקסנ אינ די אויסגעטיילטע ווערטער:

אפנ הימל האָט זיך באוויזנ א וואָלקנ.
אפנ הימל האָט זיך באוויזנ א **וואָלקנדל.**

מיר האָבנ ארײַנגעטראָגנ אינ צימער א טיש.
מיר האָבנ ארײַנגעטראָגנ אינ צימער א **טישל.**

איכ זע פאר זיכ די גאס.
איכ זע פאר זיכ די **גאסנ.**

אופגאבע 145. דערשרײַבט די סופיקסנ:

טיש — טישל.	גאס —	זינג — זינגער
פענצטער —	מענטש —	שרײַב —
פאפיר —	בריק —	לערנ —

אופגאבע 146.

— וואָס טוט דאָרטנ כאנקע מיט דער פילקע?
— גאָרניט, זי ווארפט זי אונ כאפט.
— גיב אפ איר אכטונג. טאָמער פארווארפט זי זי, וועט מענ נאָכ דארפנ גיינ זוכנ.

ווארפ ט
פארווארפ ט

ווו איז אינ צווייטנ וואָרט די טעמע? מיט וואָס שיידט זי זיכ אונטער פונ דער טעמע פונ ערשטנ וואָרט?

פאר — ווארפ — ט

פרעפיקס | וואָרצל | פלעקסיע

איכ **קלאפ** אונ **קלאפ** דעמ צוואָק, אונ ער גייט אלצ ניט ארײַנ. דאָס **פארקלאפ** איכ דעמ קאסטנ. דער קאסטנ איז שוינ באלד **פארקלאפט.** נו, אָט איז שוינ דער לעצטער צוואָק **ארײַנגעקלאפט**, אונ דער קאסטנ איז א **פארקלאפטער.**

טיילן פון וואָרט:

פלעקסיע	סופיקס	וואָרצל	פרעפיקס	צוגאָב
		קלאפ		
		קלאפ	פאר	
	ט	קלאפ	פאר	
ער	ט	קלאפ	פאר	
	ט	קלאפ	גע	אריין

אופגאבע 147. טיילט אויס אין די דאָזיקע ווערטער די צוגאָבן, פרעפיקסן, וואָרצלען, סופיקסן, פלעקסיעס.

ארומגעוואשן, אָפגעווישט, פארקעמט, ריינע, שיינע, קינדער.

מוסטער: ארום — צוגאָב,
גע — פרעפיקס,
וואש — וואָרצל,
ן — סופיקס.

אופגאבע 148.

פענצטער		
פענצטער	ל	
פענצטער	ל	עך

> אין איין וואָרט קאָן זיין מער ווי איין סופיקס.

שרייבט ארויס די ווערטער מיט סופיקסן רעכטס, און אָן סופיקסן לינקס: שניידער, בלעכער, זינגער, כאוועך, האמער, לערער, שרייבער, צימער, פענצטער, פליער, שווימער, מעטער, מעסער, כאזער; זייגערל, פענצטערל, פויגל, ברעטל, טישל, טייכל, הימל.

אופגאבע 149. שרייבט איבער און שטרייכט אונטער די וואָרצלען: ווייסער, ווייסלעך, ווייסל, פארווייסן, ווייסלעכע, אויסגעווייסט, ווייסקייט, ווייסינקע.

> פון איין וואָרצל קאָן מען מאכן פארשיידענע ווערטער.

אופגאבע 150. ענטפערט שריפטלעך. שטרייכט אונטער אין די ענטפערס די ווערטער, וואָס זיינען ענלעך אף די ווערטער פון די פראגעס.

פארוואָס הייסט א וויסל וויסל?
פארוואָס הייסט א שליסל שליסל?

פאַרוואָס הייסט א שטייסל שטייסל?
פאַרוואָס הייסט א שלאָסער שלאָסער?
פאַרוואָס הייסט א פליִער פליִער?
פאַרוואָס הייסט א גלעזער גלעזער?

מוסטער: א ווײַסל הייסט ווײַסל, ווײַל עס איז ווײַס.

אופגאבע 151. מאַכט עטלעכע ווערטער מיטן וואָרצל גיי. דאָס אייגענע מיט רויט, קינד, בוי, גיב.

שיין, שיינער, שיינינקער, שענערער.
גאַס, גאַסן, געסל.

> ווען מע מאַכט פון א וואָרצל פאַרשיידענע ווערטער, קומט אויס אמאָל פאַרביַיטן אין וואָרצל איין קלאַנג אף אן אנדערן

אופגאבע 152. מאַכט פאַרשיידענע ווערטער פון די וואָרצלען: זינג, לויף, גלאָז. שטרײַכט אונטער די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך דאָ געביטן.

אופגאבע 153. צעטיילט די ווערטער אין באַזונדערע גרופעס, אז אין יעדער גרופע זאָלן זײַן ווערטער מיטן זעלביקן וואָרצל:

פאַרשלאָפן, שלאָף, היטן, ענדיקן, געקלערט, פאַרענדיקן, שלעפעריק, היטער, היטנדיק, געענדיקט, שלאָפסט, קלערן, פאַרמאַכן, געשלאָפן, פאַרשלאָפענער, פאַרקלערטער.

אופגאבע 154. מאַכט פאַרשיידענע ווערטער פון די וואָרצלען: האַק, הער, הייב.

> אויב אין וואָרצל איז פאַראַן א ה, איז אין אלע ווערטער, וואָס מע מאַכט פון דעם וואָרצל, אויך פאַראַן א ה.

> פון איין וואָרצל קאָן מען אָפטמאָל מאַכן אי א סובסטאַנטיוו, אי א ווערב, אי אנדערע סאָרטן ווערטער.

ווײַסל, ווײַסער, פאַרווײַסן.

14. סופיקסנ

אופגאבע 155.

וואָלקנ		
וואָלקנ	דיק	
וואָלקנ	דיק	ער
וואָלקנ	דיק	ער
וואָלקנ	דיק	נ

שטעלט אופ זאצנ מיט די פינפ ווערטער. ווו איז דאָ א סובסטאנטיוו? אנ אדווערב? אנ אדיעקטיוו? וואָסער סופיקס איז צוגעקומענ צום סובסטאנטיוו **וואָלקנ**?

אופגאבע 156. שטעלט אופ זאצנ מיט די ווערטער: **פײַער, פײַער־דיק, פײַערדיקער.** וואָסער סופיקס איז צוגעקומענ צום סובסטאנטיוו **פײַער**?

אופגאבע 157. שטעלט אופ זאצנ מיטנ אדווערב **בארגיק.** פונ וואָסער סובסטאנטיוו איז געמאכט דער אדווערב **בארגיק**? מיט וואָ־סער סופיקס?

אופגאבע 158. שרײַבט ארויס פונ דער דאָזיקער ליד אדווערבנ אונ אדיעקטיוונ אינ צוויי רובריקעס לויטנ ווײַטערדיקנ מוסטער:

א הייסער רופ צעטראָגט זיך שוינ
פונ ראנד צו ראנד:
אינ גיכע טעמפּנ שלאָגלערישע
בויט אופ דאָס לאנד!
אינ לעניניש סאָצגעוועט
מיט טריט מיט הייסע —
דרייסטער טרעט!
פאָרויס! פאָרויס!
דער וועג איז ברייט אונ גרויס.
פארטיי, מיר גייענ מיט דיר
האנט בא האנט
אונ שלאָגלעריש
מיר בויענ אונדזער לאנד.

דער וועלט מיר טראָגן איצט
דעם סאָציאַליזם.
די אַלטע וועלט מיר נעמען
אפּן שפּיז.

מוסטער:

ניט געמאַכט פון סובסטאַנטיוון	געמאַכט פון סובסטאַנטיוון
הייסער	שלאָגלערישע . . . .

פון א סובסטאַנטיוו קאָן מען מאַכן אַן אַדוועדב און אַן אַדיעקטיוו מיט די סופיקסן **דיק, יק, יש** און נאָך אַנדערע.

אופגאַבע 159. שרייבט אַרויס די אַדיעקטיוון און טיילט אויס זייערע סופיקסן און פלעקסיעס:

א **יאַנטעוודיקער** טאָג. — א טאָג, ווען ס'איז **יאָנטעוו**.
קולטורעלע פעלקער. — פעלקער מיט הויכער **קולטור**.
א **שטאַטישער** ראַט. — א **שטאַט**־ראַט.
א **ליכטיקער** צימער. — אין צימער איז א סאַך **ליכט**.
א **סייכלדיקע** רעטעניש. — מע דאַרף האָבן **סייכל** צו טרעפן די רעטעניש.
אַן **ענערגישער** אַרבעטער. — ער אַרבעט מיט **ענערגיע**.

מוסטער: יאָנטעוו | דיק | ער.

אופגאַבע 160. שרייבט אַרויס רעכטס די נעמען פון פעלקער, לינקס די נעמען פון שפּראַכן.

פאַראַן ייִדן, וואָס קענען רוסיש. פאַראַן רוסן, וואָס קענען אוקראַיִניש. פאַראַן אוקראַיִנער, וואָס קענען ייִדיש.

אופגאַבע 161. אין די ווערטער פון דער פאַריקער אופגאַבע שטרייכט אונטער די וואָרצלען מיט צוויי שטריכן, און די סופיקסן מיט איין שטריך.

אופגאַבע 162. שרייבט איבער. שטרייכט אונטער די אַדיעקטיוון מיט איין שטריך, און זייערע סופיקסן מיט נאָך א שטריך.

די מיידל פון א וואַסערלייטונג איז זייער אַן איינפאַכע. ערשטנס האָט איר דאָ א גרויסע בלעכענע קיילע — א רעזערוואַר. אפּ אים איז אָנגעקלעפּט

א פאפירענע מאָס, וואָס ווײַזט די הייך פון וואסער. דערצו דינט אויך-א גלעזערנע רער, געמאכט פון א ספעציעל אויסגעבויגענעם גלעזערנעם טרײַבל, דער טורעם איז געמאכט פון שמאָלע הילצערנע ברעטלעך, צונויפגעקלאַפּט מיט צוועקלעך. די אָפּגוס-רער, די מאגיסטראל, איז א ברייט גלעזערנ טרײַבל, וואָס ציט זיך פונעם רעזערוואר. אינ דער שטאָטישער וואסערלייטונג גייט זי אונטער דער ערד. אפ דער מאָדעל איז זי פארדעקט מיט א ליימענעם שיכט. פונ דער מאגיסטראל גייען אָפּצווײַגונגען אינ די הײַזער ארײַנ (הילצערנע קעסטלעך) דורך ספעציעלע גלעזערנע רערלעך. אָנשטאָט קראנען גייען שטיקלעך גומענע רערלעך מיט געוויינלעכע פארקוועטשערס.

אופגאבע 163. דערשרײַבט:

א פאנ פונ קופער — א קופערנע פאנ
א קייט פונ אײַזנ —
א פענ פונ שטאָל —
טישנ פונ האָלצ —
טיכער פונ וואָל —
א קנעפל פונ ביינ —
א טרײַבל פונ גלאָז —
א קאָסטיום פונ געוואנט —
א פויגל פונ בלײַ —

אופגאבע 164. דערשרײַבט:

דער טיש איז א הילצערנער, ער איז פונ האָלצ,
דער פּרעס איז אנ אײַזערנער, ער איז פונ . .
די פלאש איז א גלעזערנע, זי איז פונ . . .
דער קרוג איז א ליימענער, ער איז פונ. . . .

אופגאבע 165. מאכט אדיעקטיוונ פונ די סובסטאנטיוונ און מיט די אדיעקטיוונ שטעלט אופ זאצנ:

אקשאָנעס, בארג, גליק, געוואנט, דאָרף, וואָלקנ, טעאטער, ייִד, מילך, פּאפּיר, פײַער, קאנט, קולטור, מעלוכע, סאָוועט, קינד, שטויב.

אופגאבע 166. שרײַבט איבער די ווערטער אזוי: רעכטס די ווערטער, וואָס האָבנ א סופיקס, לינקס די ווערטער, וואָס האָבנ ניט קיינ סופיקס.

אָקטיאבעריש, פּיאָנעריש, כוידעש, קאָלווירטיש, רוסיש, שטורמיש, שלאָגעריש, היימיש, ווײַסרוסיש, פראנצויזיש, ייִדיש, כידעש, פריציש, לײַטיש, גאריש.

> יש איז א סופיקס, שרײַבט זיכ מיט א **יוד**. **עש** איז ניט קײנ סופיקס, שרײַבט זיכ מיט אנ **ע**.

אופגאבע 167. שרײַבט איבער די ווערטער אזוי: רעכטס מיט א סופיקס, לינקס אָנ א סופיקס:

אײסעק, בארגיק, בורעק, האָריק, וואָלקנדיק, ווײטעק, טומלדיק, כוױזעק, כילעק, כײשעק, ליכטיק, לעבעדיק, מוטיק, סאָפּעק, פלײַסיק.

אופגאבע 168. שרײַבט איבער אונ שטרײַכט אונטער די אויסגעטײל־טע ווערטער:

וועדליק ווי איכ זע, שרײַבט זיכ **אײסעק** מיט אנ **ע** אונ **בארגיק** מיט א **י**.

> די סופיקסנ יק, דיק שרײַבנ זיכ מיט י. די ווערטער **צוואנ־ציק, דרײַסיק, פערציק** אונ ווײַטער שרײַבנ זיכ אויכ מיט י. דאָס וואָרט **וועדליק** שרײַבט זיכ אויכ מיט י. די ווערטער **אײסעק, ווײטעק, כײלעק, כײשעק** אונ נאָכ אזעלכע שרײַבנ זיכ מיט **ע**. דאָ איז קײנ סופיקס ניטאָ.

אופגאבע 169. שרײַבט איבער אונ שטרײַכט אונטער די אויסגעטײלטע ווערטער:

יאנקל דער **בלעכער** האָט דרײַ זינ אונ צוויי טעכטער. אײנ זונ איז א **גלעזער**, דער צווײטער א **שנײַדער** אונ דער דריטער איז נאָכ א **שילער**, ער לערנט זיכ אינ שול. אײנ טאָכטער איז א **שנײַדערקע**, די צווײטע וויל ווערנ א **דערציִערנ** אינ קינדער־גאָרטנ.

אופגאבע 170. שרײַבט איבער. באמערקט די סופיקסנ אונ דעם פארבײַט פונ א קלאנג אינ וואָרצל:

בלעכ		גלאָז		שנײַד	נ		שול		דער	ציִ	ענ
בלעכ	ער	גלעז	ער	שנײַד	ער		שיל	ער	דער	ציִ	ער
				שנײַד	ער	קע					

> פונעם ווערב **שנײַדנ** איז געמאכט דער סובסטאנטיוו **שנײַדער**, אונ פונעם סובסטאנטיוו **שנײַדער** — דער סובסטאנטיוו **שנײַדערקע**.

אופגאַבע 171. ענטפערט שריפטלעך:

פאַרוואָס הייסט א דערציִערן דערציִערן? ווי הייסט דער וואָס זינגט? די וואָס טאַנצט? די וואָס דערציילט? דער וואָס מאָלט? דער וואָס לויפט? דער וואָס גייט? דער וואָס שווימט?

אופגאַבע 172. טראַכט צו נאָך אזעלכע ווערטער מיטן סופיקס **-ער.**

אופגאַבע 173. שרײַבט איבער. שטרײַכט אונטער די סובסטאַנטיוון מיט די סופיקסן **-ער** און **-ער-קע.**

יאַנקלס צווייטער זון איז א שנײַדער און זײַן עלטערע טאָכטער איז א שנײַדערקע.

באַ אונדז לערנט א לערער און א לערערקע.

ביילקע איז א גוטע זינגערקע, וועלוול איז אויך ניט קיין שלעכטער זינגער.

רייזל זאָגט אף דאָווידן, אז ער איז א נאַשער, און דאָוויד זאָגט, אז זי איז א נאַשערקע.

שנײַדער — שנײַדערקע, שנײַדערן.
לערער — לערערקע, לערערן.

אופגאַבע 174. טראַכט צו סובסטאַנטיוון פּרויענעמען, וואָס מע קאָן זאָגן מיט **-קע** און מיט **-ן.**

אופגאַבע 175. ווי הייסט די, וואָס לערנט קינדער? די וואָס זינגט? די וואָס פּליט? די וואָס נייט וועש?

מיט וואָס פאַר א סופיקסן זײַנען אָט די סובסטאַנטיוון געמאַכט?

> פון א ווערב אָדער פון א סובסטאַנטיוו קאָן מען מאַכן א סובסטאַנטיוו מיטן סופיקס **-ער.**
> פרויענעמען האָבן די סופיקסן **-קע, -ן** און אַנדערע.

אופגאַבע 176. שרײַבט אויף זאַצן, אז דאָרטן זאָלן זײַן סובסטאַנטיוון מיטן סופיקס **-ער-קע** אָדער **-ער-ן.**

אופגאַבע 177. דערשרײַבט:

דער, וואָס אַרבעט באַ מעטאַל, הייסט . . . .
דער, וואָס פירט א טראַקטער, הייסט . . . .
דער, וואָס אַרבעט אין טעלעגראַף, הייסט . . . .

וואָס פאַר א סופיקס איז דאָ?

אופגאבע 178.

אינ איבערייס

אינ שול האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ איילעניש און א יאָגעניש. אפנ וואנט האָט זיכ בריט צעלייגט א פרישער נומער „פּיאָנערישער רוף". לעבנ דער וואנטצייטונג איז געשטאנענ א מיטגליד פונ רעדקאָלעגיע און געגעבנ דערקלערונגענ. יעדערער האָט זיכ צוגעכאפט צו דעמ טייל, וואָס אינטערעסירט אימ מער.

יעדערער זאָגט ארויס זיינ מיינונג. דעמ געפעלט ניט די באפארבונג פונ קעפל, די צייכענונגענ. דעמ שטעלט די מאָלעריי דאפקע צופרידנ, ער איז אָבער ברויגעז אפנ פריילעכנ ווינקל: ניטאָ קיינ רעטענישנ. בערל פינסקי האָט זיכ ניט געקאָנט אָנכידעשנ אפ דער נאָטיצ אינ „שול-לעבנ". אָט איז זי:

„בא אונדז אינ קלאס איז שטענדיק א געשריי און א טומל. ווי נאָר דער לערער גייט ארויס, הייבט זיכ אָנ א פליעניש, אינ א זשומעניש, און א זינגעריי, א פייפעריי, א פילדעריי, א קוויטשעריי, א קלאפעריי, און א קריגעריי און א לויפעריי איבער בענק און"...

— האָסטו געזענ א ביסל „ערייענ", — האָט בערל א טראכט געטאָנ און געוואָלט אָנהייבנ צו טייַנעַנ מיטנ רעדאקטער. נאָר דאָ האָט זיכ דערהערט א קלונג, און אלע האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אינ די קלאסנ.

אינ שול איז געוואָרנ אנ **איילעניש**.	אינ שול האָט מענ זיכ גענומענ **איילנ**.
אינ שול איז געוואָרנ א **יאָגעניש**.	אינ שול האָט מענ זיכ גענומענ **יאָגנ**.
דער מיטגליד פונ רעדקאָלעגיע האָט געגעבנ **דערקלערונגענ**.	דער מיטגליד פונ רעדקאָלעגיע האָט **דערקלערט**.
יעדערער זאָגט ארויס זיינ **מיינונג**.	יעדערער זאָגט ארויס, וואָס ער **מיינט**.
דעמ געפעלט ניט די **באפארבונג** פונ קעפל.	דעמ געפעלט ניט, ווי דאָס קעפל איז **באפארבט**.
עס הייבט זיכ אָנ א **זינגעריי**.	אלע הייבנ אָנ **זינגענ**.

דערשרייבט:

סובסטאנטיוו	ווערבנ
איילעניש	איילנ
יאָגעניש	—
דערקלערונג	—

מיינונג —
באפארבונג —
זינגערײַ —

פון א ווערב קאָן מען מאכן א סובסטאנטיוו מיט די סופיקסן ־עניש, ־ערײַ, ־ונג און אנדערע.
סובסטאנטיוון מיט די סופיקסן עניש, ־ערײַ, ־ונג זײַנען פון צווייטן מין.

אופגאבע 179. פארבײַט די ווערבן אין קלאמערן אף סובסטאנטיוון.

אף דער (פײַערן) פון 5־טן יאָרטאָג פון אונדזער פּיאָנער־מאכנע האָבן מיר געשיקט אן (אײַנלאדן) די פּיאָנערן פון נאָענטן דאָרף. ס׳איז נאָך געווען פארן אָנהייב. אין זאַל איז געשטאנען א (זשומען), א (זשושען) און א (פילדערן) פון כעוורע. פון אייניקע ווינקלען האָט זיך געהערט א (זינגען) און א (ריידן). נאָר אָט איז אין גרויס (אײַלן) ארײַנגעלאָפן א יאטל מיט א (סאָפּען): זיי גייען! באלד האָבן זיך באוויזן די געסט. די כעוורע האָבן זיי באגעגנט מיט א הורא־(שרײַען) און בראווא־(פּאטשן). פלוצעם — א (קלינגען). אין זאַל איז געוואָרן אן (אָרדענען). די (פײַערן) האָט זיך אָנגעהויבן.

אופגאבע 180. פארבײַט די ווערבן אין קלאמערן אף סובסטאנטיוון.

א סרייפע

א סרייפע — דאָס איז א ספּעקטאקל, אן אומזיסטע (פאָרשטעלן), א העכסט אינטערעסאנטע (פארזאמלען) פון אלערליי טיפּן יידן און ווײַבער, אן (אָפּשפּילן) פון אלערליי סצענעס, טרויעריקע, פריילעכע. מע דאַרף ניט קיין טעאטער. די נאכט איז שטיל. וווּ־ניט־וווּ לאָזט זיך הערן א (בילן) פון הינט. און דאָס שטיבל ברענט אָן (אײַלן), ווי א ליכטל, רויִק, פּאמעלעך, ס׳האָט דאָך צײַט. נאָר אָט ווערט א (לויפן) פון מענטשן, פריִער שלעפעריקע, דערנאָך לעבעדיקער. און אָט ווערט אן (אויסמישן) פון ווײַבערשע (קוויטשען), קינדערשער (וויינען) און ווערטלעך־(זאָגן) פון באַעלבאַטים.

פלוצעם דערהערט מען עמעצנס קאָל:

— זיי פּאָרן!

— ווער?

— די פײַערלעשער.

(לויט שאָלעם־אליינעמען).

אויפגאבע 181. שרייבט איבער די ווערטער אזוי: רעכטס מיט **ונג,** לינקס מיט **ינג:**

איינלאדונג, בויונג, הערינג, ליבלינג, מיינונג, צווילינג, פארזאמלונג, פריילינג, שטעלונג.

אויפגאבע 182.

פיזקולטור

מיר פארנעמען זיך אָפט מיט פיזקולטור. יונגוואַרג האָט עס באזונדערס ליב. מע שפּרינגט, מע הוידעט זיך, מע מארשירט. אייניקע שילער טוען עס מיט א באזונדער פלינקייט. ווען דער אָנפירער הייסט זיין שטיל, הערשט טאקע א פולקומע שטילקייט. נאָך דער פיזקולטור האָט זיך איין שילער געפילט מיד.

סובסטאנטיוו	אדיעקטיוו	אדווערב
אייניקע שילער טוען עס מיט א באזונדער **פלינקייט.**	אייניקע שילער זיינען באזונדערס **פלינקע.**	אייניקע שילער טוען עס באזונדערט **פלינק.**
איין שילער האָט דערפילט באלד א **מידקייט.**	איין שילער זיצט **שוין א מידער.**	איין שילער ווערט באלד **מיד.**

שרייבט איבער די דערציילונג „פיזקולטור" און שטרייכט אונטער די סובסטאנטיוון, וואָס זיינען געמאכט פון אדווערבן, מיט איין שטריך, און זייערע סופיקסן מיט נאָך א שטריך.

אויפגאבע 183. דערשרייבט:

ריין — ריינקייט		ציכטיק —
שיין —	װאַרעם —	גרין —
גרויס —	ליכטיק —	גרינג —
קורץ —	קיל —	בלויז —

> פון אן אדווערב קאָן מען מאכן א סובסטאנטיוו מיטן סופיקס -קייט.

אופגאבע 184.

פון שפרינגעניש מאטערט מען זיך גיך איין.

אז מע שפרינגט,
מאטערט מען זיך גיך איין.

וויפל זאצן איז רעכטס? וואָסער סובסטאַנטיוו איז פאראַן רעכטס און לינקס ניטאָ?

אופגאבע 185. מאכט איבער די וויטערדיקע זאצן אזוי, אז די סובסטאנטיוון מיט־**עניש,־עריי,־קייט** זאָלן ניט בלייבן (עס מעג ווערן אָנשטאָט איין זאַץ צוויי).

שטופּעניש מאכט ניט גערעמער, נאָר ענגער.
פון א סאך ריידעריי ווערט טרוקן אין מויל.
מיט זידלעריי דערווייזט מען גאָרניט.
ריינקייט און ליכטיקייט גיבן געזונט.
אָפּגעלאָזנקייט ווירקט שלעכט אף דער ארבעט.
מיט אופמערקזאמקייט און איינגעשפּארטקייט קאָן מען אסאך דערגרייכן.

אופגאבע 186. מאכט סובסטאנטיוון מיטן סופיקס־**קייט** פון די דאָזיקע אדווערבן און שטעלט אופ מיט די סובסטאנטיוון זאצן: דרייסט, אָרעם, איידל, פארשטאנדיק, קליין, מונטער, פריילעך, טונקל, נייַגעריק, געשווינד, גיך, ווייט, שיין, ענג, שטרענג.

15. צונויפזאַץ

אופגאבע 187.

זאווערוכעס

עס זיינען אָנגעקומען די עמעסע ווינטערטעג.

ס'האָבן אָנגעהויבן שטעלן זיך שטארקע זאווערוכעס. אף די שטרוידעכער פון די הייזלעך זיינען געלעגן שווערע דעקן פון שניי, וואָס האָבן באטאָג געגלאנצט קעגן דער קאלטער ווינטערזון און באנאכט געפינקלט קעגן הימל, ווי עפּעס רעכטס. דאָס גאנצע שטעטל איז ווי פארקראָכן אין נאָרע. איז א מענטש געגאנגען, האָט מען בלויז דאָס סקריפּען פון זיינע טריט געהערט און אים אליין האָט מען עפּעס אָנגעקוקט ווי א פארבלאָנדזעטן. א פרעמדער מענטש מיט א גרויסן שאליעך ארום האלדז בלאָנדזעט, דאכט זיך, וועלט־איין, וועלט־אויס.

טעג פונ ווינטער . . . 3 ווערטער.
ווינטערדיקע טעג. . . 2 ווערטער.
ווינטערטעג . . . . . 1 וואָרט.

וויפל אקצענטנ איז אינ די ווערטער **ווינטערדיקע טעג, טעג פונ ווינטער, ווינטערטעג?**

אופגאבע 188. שרײַבט איבער. שרײַבט אָנ, וויפל ווערטער איז אינ יעדער שורע אונ וויפל אקצענטנ:

דעכער פונ שטרוי.
שטרויענע דעכער.
שטרוידעכער.

ווינטערזונ—ווי קאָנ מענ עס זאָגנ מיט דרײַ ווערטער? מיט צוויי ווערטער?

ווינטער, טעג	ווינטערטעג
שטרוי, דעכער	שטרוידעכער
ווינטער, זונ	ווינטערזונ

> א **צונויפזאץ** איז א וואָרט, וואָס איז צונויפגעזעצט פונ צוויי ווערטער. א צונויפזאץ האָט איינ אקצענט.

אופגאבע 189. ענטפערט שריפטלעך: וואָס הייסט ווינטערצײַט? פרילינג־יאָנטעוו? קינדערשפיל? זונשטראל? ווינטמיל? וואנטזייגער? מיטל־שול?

אופגאבע 190. מאכט צונויפזאצנ פונ די ווערטער: דאָרפ — ראט, עסנ—צימער, שלאָפנ — צימער, פרילינג — ליד, זינגעג — פויגל, נייענ — מאשינ, זויערע — מילכ, קאָפּ — ווייטעק, ערד — ארבעט, פויגל — נעסט.

אופגאבע 191. דערשרײַבט:

די מאכט פונ די ראַטנ הייסט ראטנמאכט.
דאָס לאנד פונ די ראטנ . . . .
א פלאצ פאר קינדער . . . .
א היים פאר קינדער . . . .
א בוכ צום לערנענ . . . .
א בוכ צום לייענענ . . . .
א צימער פאר די לערערס . . . .
א צימער, ווו מע עסט . . . .

אופגאבע 192. ענטפערט שריפטלעך, פון וואָס באַשטייען די צונויפזאַצן: איינצאָל, מערצאָל, באפעל־פאָרמע, פרעגצייכן, אָפּשטעלצייכן, צאָלוואָרט, בינדוואָרט.

אופגאבע 193.

שלאָגבריגאדע

באַטאָג און באַנאַכט,
באַנאַכט און באַטאָג,
שלאָגבריגאדע,
בריגאדע, שלאָג.

וויפל ווערטער איז אין דער דריטער שורע? אין דער פערטער?

שלאָגבריגאדע	}	אַלצאיינס
שלאָג־בריגאדע		

> א לענגערן צונויפזאַץ מעג מען שרייבן ניט צוזאַמען, נאָר מיט א שטריכל (־) צווישן ביידע טיילן.

אופגאבע 194.

די שניי־טוכן ליגן ניט באַרירט
דאָרט אין באַהעלטעניש פון וואַלד פון טיפן.

(האָפּשטיין).

וווּ איז דאָ א צונויפזאַץ? וואָס באַטײַט ער?

אופגאבע 195.

מאַרץ, אַפּרעל, מײַ — זײַנען פרילינג־כאַדאָשים.

שרײַבט אַזוי ווענגן אַלע איבעריקע כאַדאָשים.

אופגאבע 196. שרײַבט אויס פון דער דערציילונג אַלע צונויפזאַצן לויטן ווײַטער געגעבענעם מוסטער.

אונדזער הויכריידער

ווען מיר האָבן זיך גענומען אַרויסגעבן א שול-זשורנאַל, האָבן מיר זיך גלײַך פאַרטראַכט:

— ווי גיט מען אים א נאָמען?

האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פאָרשלאָגן:

— אונדזער הויכריידער!

— שול־לעבן!
— דער צווייטער פינפיאָר!
— לענינס אייניקלעך!
— אָקטיאבער־דאָר!
— דער אָקטיאבער־שטורעם!
— פרילינג־שפראָצן!

פון די אַלע נעמען איז אונדז אמערסטן געפעלן געוואָרן „אונזדער הויכ־ריידער" און „דער אָקטיאבער־שטורעם". אָבער קיין צוויי נעמען איין זשורנאַל קאָן מען ניט געבן. האָבן מיר אָנגענומען מיט א מערהייט „אונדזער הויכ־ריידער".

מיר האָבן גלייך אויסגעקליבן א רעדקאָלעגיע און זי האָט גענומען אר־בעטן.

מוסטער:

שרייבן זיך צוזאמען	שרייבן זיך מיט א שטריך
הויכריידער. . .	אָקטיאבער־שטורעם. . .

אויפגאבע 197.

פויקנקלאפער אלטער,
פויקנקלאפער אלטער,
פויקנקלאפער אלטער,
שטארקער קלאפ!

ווער הייסט פויקנקלאפער?
ענטפערט שריפטלעך:
ווי הייסט דער, וואָס באקט ברויט? דער, וואָס האקט האָלץ? דער, וואָס טרייבט אָקסן?

אויפגאבע 198. דערשרייבט:

א קוימענקערער קערט דעם קוימען.
א פישפאנגער . . . .
א פייערלעשער . . . .
א שטיוולפוצער . . . .
א ליידיקגייער . . . .

אויפגאבע 199. שרייבט איבער און שטרייכט אונטער די אויסגע־טיילטע ווערטער.

א רעגן, וואָס גייט זומער, איז א **זומעררעגן**.
א שיסל צום וואשן איז א **וואששיסל**.

> אויב אינ סאָפ פונ ערשטנ וואָרט אונ אינ אָנהייב פונ צווייטנ וואָרט איז די זעלביקע אָס — שרײַבט זיכ אינ א צונויפזאצ די זעלביקע אָס צוויי מאָל.

אופגאבע 200. וואָס איז דער אונטערשייד פונ א פאבריק־זייגער ביז א זייגער־פאבריק?
וואָס איז א צײַטונג־ארבעטער אונ וואָס איז אנ ארבעטער־צײַטונג?
פארוואָס הייסנ שטיינקוילנ שטיינקוילנ? איינער האָט אָנגערופנ א שיפ וואסערשטוב. פארוואָס?

א צאָפנווינט, פונ וואָסער זײַט ער בלאָזט, איז ער קאלט.

צי קאָנ א צאָפנ־ווינט בלאָזנ ניט פונ צאָפנ?

יעדער מענטש האָט א קאָפּ,
אָבער ניט יעדערער איז א קאָפּמענטש.

וואָס הייסט קאָפּמענטש?

אופגאבע 201. מאכט עטלעכע צונויפזאצנ, וואָס זאָלנ זיכ אָנהייבנ מיט: וואלד, שול, ארבעט, וואנט, קינדער.

אופגאבע 202. מאכט עטלעכע צונויפזאצנ, וואָס זאָלנ זיכ ענדיקנ מיט: ארבעט, מאשינ, בוכ, פאבריק, טיש.

אופגאבע 203. שרײַבט איבער. דערשרײַבט די באשטימיקע אר־טיקלענ.

די וואנט	... וואנטזייגער
דער זייגער	
דער ווינטער	... ווינטער זונ
די זונ	

> א צונויפזאצ האָט דעמ זעלביקנ מינ, וואָס דער צווייטער טייל פונ צונויפזאצ.

אופגאבע 204. פונ וועלכנ מינ זײַנענ די ווײַטערדיקע צונויפזאצנ אונ פארוואָס?

יוגנט־טאָג, צײַטונג־ארבעטער, ארבעטער־צײַטונג, פּארטיי־אָרגאניזאציע, פּארטיי־קאָמיטעט, אָקטיאבער־רעוואָליוציע?

אופגאבע 205. שרײַבט איבער. שטרײַכט אונטער די צונויפזאצן מיט איין שטריך, און די אדיעקטיוון מיט צוויי שטריכן.

די ווינטער־שפּילן געפעלן אונדז.
די ווינטערדיקע שפּילן געפעלן אונדז.
די קאָלווירט־ארבעט דארף פארשטארקט ווערן.
די קאָלווירטישע ארבעט דארף פארשטארקט ווערן.

> אָנשטאָט א סובסטאנטיוו מיט אן אדיעקטיוו קאָן מען אָפט נוצן א צונויפזאצ.
> אָנשטאָט א צונויפזאצ קאָן מען נוצן א סובסטאנטיוו מיט אן אדיעקטיוו.
> ווען מע שרײַבט, דארף מען באטראכטן, וואָס פּאסט בעסער: א סובסטאנטיוו מיט אן אדיעקטיוו צי א צונויפזאצ?

אופגאבע 206. פארבײַט די צונויפזאצן אפ סובסטאנטיוון מיט אדיעקטיוון.

בא אונדז אין קאָלווירט איז די ווינטער־טוווע געראָטן.
אין אויסלאנד קומען פאָר מאסן־ארויסטרעטונגען פון הונגעריקע.
די סאָוועטנמאכט ווערט מיט יעדן טאָג שטארקער.

פארבײַט דאָ די סובסטאנטיוון מיט אדיעקטיוון אפ צונויפזאצן.

צו אונדז קומען פון אויסלאנד ארבעטערשע דעלעגאציעס.
די פּארטייישע קאָמיטעטן פירן דורך די דירעקטיוון פון דער פּארטיי.

אופגאבע 207. פארבײַט די אויסגעטיילטע ווערטער אפ צונויפזאצן.

די **מיטגלידער פון קאָלעקטיוו** גרייטן זיך צום פארזיי. אונדזער פאבריק איז ארײַנגעטראָטן אין סאָצפארמעסטונג מיט דער **פאבריק פון שיך.** **דער קלוב פאר ארבעטער** שפּילט א גרויסע ראָליע אין אונדזער **ארבעט פון פּאָליטופקלער.** מע האָט געעפנט א נײַע **פאבריק פון זייגערס.** **דער היטער פון וואלד** איז בא דער געשעעניש ניט געווען. די **ארבעט אין פעלד** דארף גיין מיט שטארקערע טעמפּן.

16. קירצונג

אופגאבע 208.

אין באשטימטע טעג קומען פֿאַר פּאַרזאמלונגען פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאציעס.

די סאניטאר־קאָמיסיע האָט אויסגעהאנגען קלאָלים פון געזונט־פאַרהיטונג.

אין באשטימטע טעג קומען פֿאַר פאַרזאמלונגען פון די פּאַרטאָר־גאניזאציעס.

דער סאנקאָם האָט אויסגעהאנגען קלאָלים פון געזונט־פאַרהיטונג.

א צונויפזאצ, ווו איינער אָדער אלע טיילן זײַנען געקירצט, הייסט **געקירצטער צונויפזאצ.**

פון וואָס זײַנען געקירצט און צונויפגעזעצט די ווײַטערדיקע ווערטער?

ארבקאָר, בילדאָפּטייל, געזערד, דראמקרײַז, סאָצגעוועט, פיזקולטור, קאָל־ווירט, קאָמיוג, קאָמינטערן, רעדקאָלעגיע.

אופגאבע 209. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די געקירצטע צונויפזאצן.

שול־פאַרזאמלונג

נעכטן איז אין די עלטערע קלאסן געווען אן אלגעמיינע פאַרזאמלונג. דער פּאַרזיצער פון שילערקאָם האָט אָפּגעגעבן א באריכט וועגן זײַן ארבעט. דער שילערקאָם האָט געלייגט אכט אף דער ארבעט פון די קלאסאָרגן. דער שילער־קאָם האָט געשיקט א פאָרשטייער אין פעדראט צו די לערער. אף דער פאַר־זאמלונג זײַנען געווען געסט פון קאָמיוג־אָרגאניזאציע און רײַיִספּירקאָם.

יאנקל בערמאן האָט געשריבן אפן טאָוול וועגן פיזקולטור. שרײַבט ער אָן:

פיסקולטור.

האָבן זיך די קינדער צעלאכט. און אורעמל גאָלדבערג האָט ארײַנגע־וואָרפן א וואָרט:

— מיינסט, אז דאָס איז קולטור פון די פיס?

יאנקל האָט באלד פארמעקט און אָנגעשריבן ריכטיק:

פיזקולטור.

אופגאבע 210. פארבײַט די ווערטער אפּ געקירצטע צונויפזאצן: פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג, פּראָפעסיאָנעלער פאריין, רעדאקטיר־קאָלעגיע, פיזישע קולטור.

אופגאבע 211. שרײַבט איבער. שטרײַכט אונטער די געקירצטע צונויפזאצן:

די אוקראַינישע סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליק הייסט אוסס״ר.
די ווײַסרוסישע סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליק הייסט ווסס״ר.
די רוסלענדישע סאָציאַליסטישע פעדעראטיווע סאָוועטישע רעפּובליק הייסט רספס״ר.
פארבאנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליקן — פסס״ר.

אופגאבע 212. שרײַבט אָן די פולע נעמען פון אלק״פּ(ב), קפּ(ב)״או. קפּ(ב)״ו.

אופגאבע 213.

— וועגן וועלכע גרויסע מענטשן ווייסטו?
— איך ווייס וועגן מארקסן, לענינען, סטאלינען א.א.

א.א. = און אנדערע.
וו. אי. לענין = וולאדימיר איליטש לענין.

אא, וו. אי. זײַנע שריפטלעכע קירצונגען.

שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די געקירצטע צונויפזאצן מיט איין שטריך, און די שריפטלעכע קירצונגען מיט צוויי.

פסס״ר באשטייט פון רספס״ר, אוסס״ר ווסס״ר א.א. רעפּובליקן.
אין דײַטשלאנד, אין ענגלאנד, אין פראנקרײַך אאוו. הערשט נאָך די בורזשואזיע.
מיר לייענען דערציילונגען, לידער אדג.

> אָנשטאָט גאנצע ווערטער קאָן מען אָפטמאָל שרײַבן נאָר די ערשטע אויסיעס. אויב מע שרײַבט אויסיעס און מע לייענט גאנצע ווערטער, דארף מען שטעלן אין סאָף א פּינטל (צב. מע שרײַבט אאוו. און מע לייענט „און אזוי ווײַטער“). אויב מע שרײַבט אויסיעס און מע לייענט אויך נאָר די אויסיעס, שרײַבט מען מיט שטריכלעך (צב. מע שרײַבט פסס״ר און מע לייענט „עפּ־עס־עס־ער“).

אופגאבע 214. דערשרײַבט:

אא. —	און אנדערע	דה. —
אאוו. —		צב. —
אדג. —		ככ. —

17. אלפאבעט

אופגאבע 215. שרײַבט איבער דעם אלפאבעט און שטרײַכט אונטער די וואָקאלן:

א, אַ, ב, ג, ד, ה, ו, וי, וו, ז, זש, ט, טש, י, יי, ײַ, כ, ל, מ, נ, ס, ע, פּ, פֿ, צ, ק, ר, ש.

י (יוד) ווערט ארויסגערעדט ניט שטענדיק אלציינס.

מיר, פיר, דיר, טיר.

וויפל טראפנ איז אינ יעדנ וואָרט? ווו איז דער וואָקאל? וויפל קאָנסאָנאנטנ איז אינ יעדנ? וועלכער איז דער צווייטער קאָנסאָנאנט אינ אלע ווערטער? דער ערשטער קאָנסאָנאנט? דאָ איז דער יוד א וואָקאל.

נאָר, פאָר, האָר, יאָר.

וויפל טראפנ איז אינ יעדנ וואָרט? ווו איז דער וואָקאל? וויפל קאָנסאָנאנטנ איז אינ יעדנ? וועלכער איז דער צווייטער קאָנסאָנאנט אינ אלע ווערטער? דער ערשטער קאָנסאָנאנט? אינ לעצטנ וואָרט איז דער יוד א קאָנסאָנאנט.

אופגאבע 216. טאמ, קאמ, יאמ, ראמ.
וועלכער איז דער ערשטער קאָנסאָנאנט אינ יעדנ פונ די ווערטער?

אופגאבע 217. אינ וועלכע פונ די אויסגעטיילטע ווערטער איז דער יוד א וואָקאל און אינ וועלכע א קאָנסאָנאנט?

יעדער יונגער פּיאָנער פילט אויס די אופגאבעס, וואָס דער פּיאָנער־אָטריאד האָט אפ אימ ארופגעלייגט.

אופגאבע 218. שרײַבט איבער די דאָזיקע ווערטער אזוי: רעכטס — מיט א יוד א וואָקאל, — לינקס — מיט א יוד א קאָנסאָנאנט:

יונג, יאָרן, יאנוואר, יאם, יאָנטעוו, איך, איבערנעמען, ליד, שפרינג, יענער, יעדערער, ראיעל, נאָיאבער, פראָיעקט, דערציִען, פיר, פינף, יאם, יאָגן, יוגנט, ראיאָן, פליִען, סובסטאנטיוו, פיִאָנער.

אופגאבע 219. ליד, מיר, ייִד.

וועלכער וואָקאל איז דאָ? וואָס פאר א קאָנסאָנאנטן שטייען פארן וואָקאל?

דערשרייבט:

אין וואָרט ייִנגל איז דער ערשטער יוד א . . . , דער צווייטער . . .

> ווען עס שטייען איינער לעבן אנדערן א יוד א וואָקאל און
> א קאָנסאָנאנט, שטעלט מען אונטערן וואָקאל א פינטל.

אופגאבע 220.

איך בין יונג.

מיין ברודער איז אויך א **יונגער**

מיין שוועסטער איז נאָך **ייִנגער.**

וואָס איז דער אונטערשייד אין די קלאנגען צווישן די אויסגעטייל־טע ווערטער? פארוואָס שטייט אין **ייִנגער** א פינטל אונטערן צווייטן יוד?

אופגאבע 221. שרייבט איבער און שטרייכט אונטער די ווערטער, ווו ס׳איז פאראן א יִ (מיט א פינטל).

דער פעטער ייִסראָעל מיט זיינע צוויי ייִנגלעך וווינען ערגעץ אין ייִשעוו.

מיר זיינען יונגע אטעיִסטן, מיר קעמפן קעגן רעליגיע.

רויִק, כאווײרים! מיר הייבן אָן די פארזאמלונג.

פיִאָנערן זיינען מיר.

מיר באקומען א גוטע דערציִונג בא סאָוועטישע דערציִער.

א ראדיִוס איז א האלבער דיִאמעטער.

לערן זיך אויס פליִען, וועסטו זיין א פליִער.

די אנטיִאָנקיפער־קאמפאניע איז דאָס יאָר דורכגעגאנגען בעסער ווי אלעמאָל.

> אויב א יוד א וואָקאל שטייט פאר אָדער
> נאָך א וואָקאל, פאר אָדער נאָך א יוד —
> שרייבט ער זיך **מיט א פינטל** (יִ).

אופגאַבע 222. שטעלט אוף זאַצן מיט די ווערטער:
כּעס, ציִען, פליִען, פריִער, ייִכעס, מעשוגאָיִם.

דער פּראָלעטאַריאַט וועט אומעטום אראָפּוואַרפן די **בורזשואזיע**. דאָס קאָן ניט פּאָרקומען אָן א **רעוואָליוציע**.

אין סאָף וואָרט שרייבט זיך ניט **יִע**, נאָר **יע**.

אופגאַבע 223. שטעלט אוף זאַצן מיט די ווערטער: פאַמיליע, עקסקורסיע, סטאַנציע, קאָמיסיע, פּאָעזיע, אינסטרוקציע, לעקציע, נאַציע, טעריטאָריע, אָרגאַניזאַציע, דעמאָנסטראַציע.

אופגאַבע 224. שרייבט איבער און שטרייכט אונטער די ווערטער מיט יִ (מיט א פּינטל).

אונדזער קולטור איז נאַציאָנאַל לויט דער פאָרמע און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט.

מיר לייענען וועגן באַרימטע רעוואָליוציאָנערן.

נאַציע — נאַציאָנאַל.

צום געדענקען:

רעוואָליוציע — רעוואָליוציאָנער.

אופגאַבע 225.

וואַסער	ווייַסער	(וואַיסער)
שענער	שיינער	(שעינער)
קאָל	קויל	(קאָיל)

די אויסיעס וו, יי, ײַ הייסן **דיפטאָנגען**. א דיפטאָנג באַטייַט א וואָקאַל מיט א יוד צוזאַמען (דער יוד איז א קאָנסאָנאַנט).

טײַ, אַטעיִסט, מײַ, מאַיִס.

אין וועלכע פון די ווערטער ווערט אַרויסגערעדט א יוד א קאָנסאָנאַנט און אין וועלכע א וואָקאַל?

אופגאבע 226.

רעטעניש

הייסע קוילן איז בא אים א מײַכל,
קאַלטע וואסער איז בא אים א ײַיכל.

קלײַבט פאנאנדער דעם אויסלייג פון לעצטן וואָרט.

אופגאבע 227. שטעלט אופ זאצן מיט די ווערטער: בלויער, בלויינ־קער, טײַער, נײַינקער, בוינג.

אופגאבע 228.

פארטיי — פארטייִש.

ווו איז דאָ דער וואָרצל, ווו איז א סופיקס? פארוואָס שטייט י מיט א פינטל?

שטעלט אופ זאצן מיט די ווערטער:

רויטע ארמיי	שניי	דערבײַ
א רויטארמייִשער	א שנייִקער	א דערבײַיִקער

אופגאבע 229. דערקלערט די פינטלעך באַם י אין די זאצן:

מײַן שוועסטערקינד כאַים וווינט אין קיִעוו. דאָס איז איג אוקראַיִנע.
פריִער האָט ער געוווינט אין ווײַסרוסלאַנד.

אופגאבע 230.

מאניִע עסט א מאנע־קאשע.
פאניִע פאָרעט זיך בא די פאנען און טעפּ.
זע, גיי צו זיאמען, אָבער זאָלסט זיך ניט זאמען.
העניִע האָט א ברודער הענעך.

מאניִע — מאנע
פאניִע — פאנען
זיאמע — זאמען
העניִע — הענעך

פאראַן הארטע און ווייכע קאָנסאָנאנטן. צווישן א ווייכן קאָנסאָנאנט מיט א וואָקאַל שרײַבט מען א **יוד.**

שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די ווערטער מיט ווייכע קאָנסאָנאַנטן.

בא ניאָמע ניורינסאָן רופט מען אלע קינדער עפּעס מאָדנע ווייך: העניע, פאניע, מאניע, ליובע, סיאָמע, עליע. מאניע איז מײַנע א כאַווערטע, העניע איז יענע, וואָס מיט די געלע האָר. עליע האָט אויך געלע האָר. מאניע שפּילט נאָך אין ליאַלקעס. העניע איז שוין אן עלטערע. זי ארבעט אין א ביבליָאָטעק.

אופגאַבע 231.

וועלכע קלאַנגען זײַנען אין די ווערטער:

מאניע — מײַנע?

העניע — יענע?

ווו ווערט דאָ ארויסגערעדט א ווייכער קאָנסאָנאַנט און ווו א יוד א קאָנסאָנאַנט?

שטעלט אופ זאצן מיט די ווערטער: ניאַניע, טוליען זיך, פּליאַמע, סמאַליען, שליאַכן, קליאַמקע, פּליוס.

אופגאַבע 232.

סטאַלין איז איליטשס בעסטער שילער.

אויב נאָך א ווייכן קאָנסאָנאַנט שטייט סײַווי א יוד, שרײַבט מען ניט נאָך קיין יוד.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט געבראַכט קולטור און בילדונג פאר די ארבעטנדיקע.

בא דער וואַנט פון קרעמל שטייט לענינס מאַווזאָליי.

אויב נאָכן ווייכן קאָנסאָנאַנט איז ניטאָ קיין וואָקאַל, שרײַבט מען ניט קיין יוד.

אופגאַבע 233. לייענט איבער די ווערטער און באַמערקט די ווייכע קאָנסאָנאַנטן: אוטיל, מעדאַל, אָסיען, ארטעל, אומאַן, וואַנקע, פּאַלטאָ.

זונעניו, זאָגט די מאַמע צו וואַנקען, דיר וועל איך קויפן א פערדעלע, גיב אָפּ סאָניען די ליאַלקע.

ווו זײַנען דאָ ווייכע קאָנסאָנאַנטן?

גרויס איז לענינס ראָליע אין דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

וועלכע ווייכע קאָנסאָנאַנטן זײַנען דאָ פאראַן?

אופגאבע 234.

שוואקס, צוויגן, טווע, שווע.

די ווערטער זײַנען אָנגעשריבן ניט ריכטיק, דעריבער איז זיי שווער צו לייענען.

ווען עס קומט ך און וו איינער לעבן אנדערן, שטעלט מען באַם ך א פינטל (וּ).

טווּע, שוואַקס, צוויגן, שווּע.

אופגאבע 235. שטעלט אופ זאצן מיט די ווערטער: ווו, פרווו, וווּנד, וווּנדער, וווּנטש.

אופגאבע 236. גיט צו צו די דאָזיקע ווערטער דעם צוגאָב צו: גיין, וואַרטן, שלעפּן, וואַרפן, קלעפּן, וואַקסן.

אוועק, בורזשוי, פון וועג!

ך פאר א יוד א קאָנסאָנאנט שרײַבט זיך מיט א פינטל (וּ).

אופגאבע 237. שרײַבט אופ דעם רוסישן אָדער אוקראַיִנישן אָדער ווײַסרוסישן אלפאבעט און קעגן יעדער אָס שרײַבט אָן די געהעריקע יידישע אויסיִעס.

אופגאבע 238. שרײַבט אופ דעם יידישן אלפאבעט און קעגן יעדער אָס שרײַבט אָן די געהעריקע רוסישע אָדער די אוקראַיִנישע אָדער די ווײַסרוסישע אויסיִעס.

18. וויאַזוי שרײַבן ריכטיק

אופגאבע 239.

א רעטונג **ברענגען** מיר דער וועלט.

ווי רעדט מען ארויס דאָס אויסגעטיילטע וואָרט? אָבער ווי דארף מען עס שרײַבן?

שרײַבט איבער. שטרײַכט אונטער אין די אויסגעטיילטע ווערטער נאָר דעם **ע** און די צוויי ווײַטערדיקע אויסיעס:

אונדז איז דאָ ניט **ענג** צו זיצן.

אין **ענגלאנד** דריקט מען דעם ארבעטער.

די שוועסטער **הענגט** טריקענע די וועש.
די באַלעגופֿים **בענקען** נאָך אַמאָליקע צײַטן.
וואָס זאָל איך דיר **שענקען** פֿאַר אַ מאַטאָנע?
מע דאַרף **געדענקען**, ווי צו שרײַבן ריכטיק.

אויפֿגאַבע 240. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער אין די אויסגעטיילטע ווערטער נאָך דעם **א** און די צוויי ווײַטערדיקע אויסיעס:

פֿאָלג מיך אַ **גאַנג**, וועל איך דיר זאָגן אַ **דאַנק**.
אַ יעגער איז **געגאַנגען** אַ כײַע צו **פֿאַנגען**.
אין **פֿראַנקרײַך** דריקט מען דעם אַרבעטער.

פֿאַר **נג** און **נק** דאַרף מען שרײַבן **ע** און **א**.

אין צימער שטייט אַ באַנק און אַ בענקל.

אויפֿגאַבע 241. שרײַבט איבער. שטרײַכט אונטער די ווערטער מיט **נק** און **נג**.

אַלע טאָג ברענגט ער עפּעס נײַס.
ער אַרבעט אָנגעשטרענגט.
די לענג פֿון דעם צימער איז דרײַ מעטער.
מישע איז שוין לאַנג דאָ.
נעכטן איז מײַן שוועסטער קראַנק געוואָרן.
דערלאַנג מיר דעם טינטער.
אַ קלאַנג קאָן זײַן אַ וואָקאַל אָדער אַ קאָנסאָנאַנט.

אויפֿגאַבע 242. מאַכט איבער אין פֿאַרגאַנגענער צײַט:
די זון פֿאַרגייט. וואָס פֿאַרלאַנגט ער פֿון דיר? ער באַדאַנקט אים גאַנץ פֿײַן. דער לאָמפּ הענגט אויף דער סטעליע. זי שווענקט דאָס מויל.

אויפֿגאַבע 243.

קרענקען | ריינקײַט

מע דאַרף שרײַבן **ריינקײַט** (ניט מיט קיין **ע**), וואָרעם דער **נ** איז פֿון וואָרצל און **ק** — פֿון סופֿיקס.

פֿאַר **נג** און פֿאַר **נק** דאַרף מען שרײַבן **ע** און **א**, אויב דער **נ** און דער **ג** אָדער דער **נ** און **ק** זײַנען ביידע פֿון איין וואָרצל.

שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער אינ די אויסגעטײלטע ווערטער נאָר די וואָרצלענ.

ס'איז א **פײַנקײַט** פונ אימ, וואָס ער האָט **באדאנקט**.
מיט קײנ באזונדערע **שײנקײַטנ** פונ דער נאטור איז דאָס שטעטל ניט **באשענקט**.

אופגאבע 244. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די אויסגעטײלטע ווערטער מיט אײנ שטריכ, און די ערשטע צװײ אויסיִעס פונ די ווערטער מיט נאָכ א שטריכ:

די קאפיטאליסטנ האָבנ אינ צארישנ רוסלאנד **געדריקט** די ארבעטער. קאָלזמאנ די ארבעטער זײַנענ **געווענ** ניט אָרגאניזירט, האָבנ זײ גאָרניט **געקאָנט** העלפנ.
לענינ האָט **געגרינדעט** די פארטײ, וואָס האָט **געפירט** די ארבעטער אינ קאמפ. די ארבעטער און פויערימ האָבנ **געזאָגט**: אראָפ דעמ יאָכ! **גענוג געליטנ!** זײ האָבנ **געמאכט** א רעוואָליוציע.

גי́כער	געזע́נ
גי́נסטיק	געזו́נט

> אינ אָנהײב וואָרט שרײַבט זיכ אָנ אנ אקצענט **גע**, ניט **גי** (אכוצ **גיגאנט** און נאָכ עטלעכע ווערטער).

אופגאבע 245. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די ווערטער, וואָס הײבנ זיכ אָנ מיט **גע**, אזוי: די פארטיציפנ מיט אײנ שטריכ, און אנדערע ווערטער מיט **גע**— מיט צװײ שטריכנ:

מיר האָבנ געמאָלט א שײנ געמעל. די הויכע געבײַדע האָט דער סאָוועט געבויט. די מאמע האָט געקאָכט געשמאק געקעכצ. א מאָדנע געוויקס איז געוואקסנ אינ גאָרטנ. דער יעגער איז אוועק אפ געיעג. א גרויסער געוויטער האָט זײ געטראָפנ אינ וועג. נעכטנ האָב איכ געהערט אנ אינטערעסאנטע געשיכטע. דער לערער האָט געלײענט א דערצײלונג. א פײַנעמ געדאנק האָט געזאָגט אוורעמל.

אופגאבע 246. שטעלט אופ זאצנ מיט די ווערטער: געוויס, געזונט, געגעבנ, געזאנג, געדענקענ, געדענקט, געהאנגענ, גענומענ, געפינענ, געפונענ.

אופגאַבע 247. שטעלט אוועק מיט די ווערטער: מעלוכע, מע־לאָכע, יעדיִע, רעשימע, רעפוע, לעוואָנע.

אופגאַבע 248.

קיינער וועט אונדז ניט באַפרײַען —
ניט גאָט אליין און ניט **קיין** העלד.
מיט אונדזער אייגענעם קלייזײַען
א רעטונג ברענגען מיר דער וועלט.

אזוי ווי מע שרײַבט **קיינער**, אזוי דארף מען שרײַבן **קיין** (ניט קײַן, ניט קין).

דערשרײַבט די פאַרפעלטע ווערטער:
... איין שפאַן פרעמדע ערד ווילן מיר ניט, אָבער אויך אונדזער ערד...
איין ווערשאָק פון אונדזער ערד וועלן מיר... ניט אָפּגעבן.

אופגאַבע 249. שרײַבט אוף פינף זאַצן מיט **קיין**.

אופגאַבע 250.

ער **ווײַזט** מיט דער האַנט. | ער **ווײַסט** מיט קאַלך.

פאַר א דומפּן קאָנסאָנאַנט רעדט זיך ארויס א דומפּער און א הילכיקער אלציינס. מע דארף שרײַבן לויטן באַטײַט פון וואָרט.

מיר האָבן **גערעדט** וועגן דער **גערעטעניש**.
פאַרוואָס שרײַבט זיך **גערעדט** מיט א **ד** און **גערעטעניש** אָן א **ד**?

אופגאַבע 251. שרײַבט איבער און דערקלערט (מינדלעך) דעם אויס־לייג פון די אויסגעטיילטע ווערטער:

ער **הייבט** די האַנט.
די **הויפּט**־שטאָט פון פסס״ר איז מאָסקווע.
בא אונדז אין הויף איז דאָ א הונט. הערט מען פון אים שטענדיק האַוו־האַוו־האַוו. **דאַפקע** ווען איך וויל נאָך שלאָפן, הייבט ער אָן **האַווקען**.

אופגאַבע 252. שרײַבט איבער די ווערטער איינס אונטערן אַנדערן אזוי: רעכטס — די וואָס ענדיקן זיך מיט א הילכיקן קאָנסאָנאַנט, און לינקס — מיט א דומפּן.

העמד, פעלד, האנט, קלייד, וואלד, באָד, פערד, וואנט, קינד, בילד, בלינד, קאלט.

טרויב, זיפּ, קאלב, קלאפּ, פארב, שטוב, שטויב, זיפּ, האָפּ, גרוב.

הויז, גאז, גלאָז, שאָס, גראָז, מאָס, פאס.

שיפּ, בריוו, גאנעוו, פּרווו.

צווייג, בארג, העק, וויג, וועג, אויג, שטיק, שטאָק, לאנג, גאנג, דאנק.

אופגאבע 253. שטעלט אופ זאצן מיט די ווערטער (אין איין זאצ מעגן זיין עטלעכע פון די ווערטער):

באוווסטזיניק, דיסציפּלין, דורכגעפירט, ערנסט, האלדזטוך, קאָאָפּעראטיוו, קאפּיטאליסטן, עקספּלואטירן, פינפטער, יישעוו, פאריין, צוריק, וווהין, ענלעך, בעמעס, קורצזיכטיק, דורכזיכטיק, לייענען, געדויערט, אויסגעבויט, געדארפט.

אופגאבע 254. **אינטערנאציאָנאלע ווערטער.**

יידיש: די קאָמוניסטן קעמפן פארן קאָמוניזם.

רוסיש: Коммунисты борются за коммунизм

אוקראיניש: Комуністи борються за комунізм

ווייסרוסיש: Комуністи змагаюцца за комунізм

> ווערטער, וואָס מע באנוצט זיי אין א סאך שפּראכן, הייסן **אינטערנאציאָנאלע** ווערטער.

אופגאבע 255. שרייבט איבער:

אינטערנאציאָנאלע ווערטער וועט איר טרעפן אומעטום: צי איר נעמט א **בילעט** אין **טעאטער**, צי איר הערט א **קאָנצערט**, צי איר גייט אפ אן **אנטירעליגיעזער לעקציע**, צי גאָר אין **קינאָ** — האָט איר אלצ צו טאָן מיט אזעלכע זאכן, וואָס רופן זיך מיט **אינטערנאציאָנאלע** ווערטער. דאָס אייגענע, אז איר פירט א **פּראָפּאגאנדע** פון **מארקסיזם** אָדער **אגיטאציע** קעגן **פאשיזם**, פאר **סאָציאלער רעוואָליוציע**. דאָס אייגענע, אז איר לערנט **אריפמעטיק**, **געאָגראפיע**, **גראמאטיק**. היינט **אעראָפּלאנען** און **דיריזשאבלען** און **טעלעגראפ**, **אינדוסטריאליזאציע** און **עלעקטריפיקאציע**, **קאָאָפּעראטיוו** און **אוניווערסאלער מאגאזין** — דאָס זיינען אלצ ווערטער, וואָס זיינען באקאנט אין א סאך פארשיידענע שפּראכן. אין דער באשטימונג פון **צענטראל-קאָמיטעט** פון דער **פּארטיי** וועגן דער שול, ווו עס רעדט זיך וועגן **פּראָגראם**, וועגן **דיסציפּלין**, וועט איר אויך טרעפן **אינטערנאציאָנאלע** ווערטער.

אופגאבע 256. פארטײַטשט די אויסגעטײלטע ווערטער פון דער אופגאבע 255.

אופגאבע 257. שטעלט אופ זאצן מיט די ווערטער: האָריזאָנט, היגיענע, היסטאָריש, העקטאר.

> די אינטערנאציאָנאלע ווערטער: האָריזאָנט, היגיענע, היסטאָריש, העקטאר און נאָך אנדערע שרײַבט מען מיט ה.

אופגאבע 258. שטעלט אופ זאצן מיט די ווערטער:
אקטיוו, קאָאָפּעראטיוו, קאָלעקטיוו, דיסציפּלין.
באמערקט, וועלכע פון די ווערטער שרײַבן זיך מיט טי און וועלכע מיט צי.

אופגאבע 259.

עליע האָט גערעדט דורכן טעלעפאָן.

> אין אינטערנאציאָנאלע ווערטער שרײַבט מען לע, ניט ליע.

שטעלט אופ זאצן מיט די ווערטער: בילעט, טעלעגראַפ, עלעוואטער, עלעמענטאר, עלעקטרע, לעקציע, סקעלעט, קאָלעקציע, פּראָלעטארישער.

אופגאבע 260. שטעלט אופ זאצן מיט די ווערטער:

ווענטיליאציע	רעוואָליוציע	פּראָלעטאריאט
קאנצעליאריע	פּאָליוס	עלעקטרע

ווו זײַנען דאָ ווייכע ל? וואָס שטייט נאָכן ל?

> אין אינטערנאציאָנאלע ווערטער שרײַבט מע לע אָן א יוד, אָבער ליא, ליו שרײַבט מען אָפטער מיט א יוד.

אופגאבע 261. שרײַבט איבער און שטרײַכט אונטער די אויסגעטײלטע אויסיעס:

מאָרגן גיי איך אין טעאטער. בא מײַן שוועסטערל איז א גוטער כאראקטער. אין קלאס הענגט א טערמאָמעטער. מיר האָבן באהערשט די טעכניק. איך האָב א גרויסן אינטערעס צו ליטעראטור. דיך אינטערעסירט מער מאטעמאטיק.

אינ די אלע ווערטער איז דער אויסגעטיילטער **טע** א הארטער, ניט קיינ ווייכער, דעריבער שטייט נאָכ אימ ניט קיינ יוד.

אופגאבע 262. שרייבט איבער. שטרייכט אונטער די אויסגעטיילטע ווערטער.

די אמעריקאנער בורזשואזיע פארפאָלגט די **נעגערס**. מע דארפ צו דיר האָבנ אייזערנע **נערוונ**. איכ האָב א פעטער אנ **אינזשעניער**.

ווו איז דאָ דער **נ** הארט און ווו ווייכ?

אופגאבע 263. פארטייטשט די ווייטערדיקע ווערטער אונ שטעלט אופ זאצנ מיט די ווערטער: אווטאָמאט, אווטאָבוס, אווטאָמאָביל, אווטאָנאָמע רעפּובליקנ, אווטער.

> פאראנ אינטערנאציאָנאלע ווערטער, ווו מע שרייבט **וו** פאר **ט**, כאָטש מע רעדט ארויס **פ**.

אופגאבע 264. שטעלט אופ זאצנ מיט די ווערטער: בודקע, קלאדקע, פּאָדקעווע, ספּראווקע.

> די ווערטער **קלאדקע, פּאָדקעווע, ספּראווקע**, האָט יידיש גענומענ פונ רוסיש אונ אנדערע שפּראכנ. זיי שרייבנ זיכ אנדערש, ווי זיי ווערנ ארויסגערעדט.

אופגאבע 265. שרייבט איבער אונ שטרייכט אונטער די אויסגעטייל־טע טראפנ.

דער פּאָרזיצער פונ ציק פונ אוקראינע איז כ׳ פּעטראָווסקי. איכ האָב כ׳ פּעטראָווסקינ קיינמאָל ניט געזענ. כ׳האָב נאָר געזענ כ׳ פּעטראָווסקיס פּאָרטרעט.

נאדיעזשדא קאָנסטאנטינאָוונא קרופּסקאיא האָט אסאכ געשריבנ וועגנ שול אונ דערציונג. מיינ ברודער האָט אמאָל אינ מאָסקווע געזענ קרופּסקאיאנ. קרופּסקאיאס פּאָרטרעט הענגט בא אונדז אינ לערערצימער.

> אזעלכע נעמענ ווי **פּעטראָווסקי, קרופּסקאיא** דארפ מענ שרייבנ אזוי, ווי זיי שרייבנ זיכ אינ רוסיש.

אופגאבע 266. שרײַבט איבער די ליד.
שטרײַכט אונטער די אײגננעמען.

בודיאָניס קאַוואַלעריע

אין הימל־בלוי קײן שטערן ניט,
קײן זון ניט איבער קעפּ.
בודיאָניס קאַוואַלעריע
צעוואָרפן איז אין סטעפּ.

ס'וועט קײנער מער ניט קאָנען שוין
פאַרשטילן אונדזער ברויז.
רײַטערלעך בודיאָנישע,
דיוויזיע — פאָרויס!

אינהאלט.

דריטער קלאס

1. פארבינדונג פונ ווערטער אינ זאצ. 3
2. זאכ, טוונג, סימענ 7
3. סוביעקט, פרעדיקאט אונ דערקלער־ווערטער 9
4. סובסטאנטיוו 11
5. איינצאל אונ מערצאל 12
6. ארטיקל 15
7. ערשטער, צווייטער אונ דריטער מינ 18
8. אייגננאמענ 20
9. פראנאמ 21
10. פרעפאזיציע 24
11. אדיעקטיוו 29
12. צאלוואָרט 31
13. ווערב 33
14. בייגונג פונ ווערב אינ פערזאנ אונ צאל 36
15. דריי צייטנ פונ ווערב 40
16. אינפיניטיוו, פארטיציפ. 42
17. צוגאב אונ פרעפיקס 48
18. „זיכ“ בא א ווערב אונ אפגעכאפטער ווערב 55

פערטער קלאס

1. דערצייל־זאצ, פרעג־זאצ, אויסרופ־זאצ. 59
2. באפעל־פארמע 60
3. ווענדונג 63
4. אביעקט; בייגונג פונ סובסטאנטיוו. 65
5. בייגונג פונ פראנאמ 70
6. פאסעסיוו 75
7. בייגונג פונ אדיעקטיוו 76
8. אדווערב 80
9. איבערעכענונג 83
10. פארבינדונג פונ זאצנ 90
11. הויפטזאצ אונ בייזאצ 93
12. וויאזוי מע גיט איבער פרעמדע רייד 96
13. פונ וואס באשטייט א ווארט. 100
14. סופיקסנ 105
15. צונויפזאצ 113
16. קירצונג 119
17. אלפאבעט. 121
18. וויאזוי שרייבנ ריכטיק 126